STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03372

ANTROPOLOGYE

A. Mandel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון א. מאנדעל
נ. יארק 1937

אַנטראָפּאָלאָגיע

(די פרימיטיווע געזעלשאַפט)

דר. א. מאנדעל

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פארלאג
פון דער אידישער סעקציע
פון אינטערנאציאָנאַלן ארבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1937.

געווידמעט דעם אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט —

די רעוואָלוציאָנערע שול אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס אין אַמעריקע

Copyright by the
Yiddish Cooperative Book League
of the
Jewish Section of the International Workers Order
80 Fifth Avenue, New York
July, 1937

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפּלאַרן.

אינהאלט:

זייט

אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 5

קאפיטל 1: דער אפשטאם פון מענטשן

א. דער מענטש: פון וואנען האט ער זיך גענומען — — — — — 7

ב. דער מאלפע מענטש — — — — — — — — — — — — — — 10

קאפיטל 2: ווירטשאפט און אייגנטום

א. זאמלער, יעגער און פישער — — — — — — — — — — — 17

ב. אקער בוי — — — — — — — — — — — — — — — — — 23

ג. פיצוכט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 27

קאפיטל 3: שפראך

א. טעאריעס וועגן דער אנטשטייאונג פון שפראך — — — — — 31

ב. שפראך און קולטור — — — — — — — — — — — — — — 34

ג. שפראך און ראסע — — — — — — — — — — — — — — — 49

קאפיטל 4: רעליגיע

א. טעאריעס וועגן דער אנטשטייאונג פון רעליגיע — — — — 44

ב. מאנא — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 51

ג. נשמות, גייסטער און געטער — — — — — — — — — — — 57

קאפיטל 5: ראסע

א. וואס איז ראסע — — — — — — — — — — — — — — — — 69

ב. ראסע און קולטור — — — — — — — — — — — — — — — 78

ג. דער אימפעריאליסטישער כאראקטער פון דער ראסן־טעאריע 88

ד. דער קלאסן־כאראקטער פון דער ראסן־פראגע — — — — — — 91

אַריינפיר

אַנטראָפּאָלאָגיע (אַנטראָפּאָס, „מענטש" און לאָגאָס, „לערע"), איז די וויסנשאַפט וועגן מענטשן. זי ווערט איינגעטיילט אין צוויי הויפּטטיילן: (1) פיזישע אַנטראָפּאָלאָגיע, וואָס שטודירט דעם מענטשן, אַלס אַ טייל פון דער היהשער וועלט, דאָס הייסט, זיין אָפּשטאַם און די פאַרהעלטעניש צווישן אים און אַנדערע בעלי חי, און (2) סאָציאַלע אַנטראָפּאָלאָגיע, וואָס שטודירט דעם מענטשנס שאַפן, דאָס הייסט, זיינע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטור־אינסטיטוציעס. פיזישע און סאָציאַלע אַנטראָפּאָלאָגיע שטעלן מיט זיך פאַר צוויי זייטן פון דעמזעלביקן שטודיום: מען מוז קענען דעם מענטשן, (זיין אַנאַטאָמישן און פיזיאָלאָגישן כאַראַקטער), כדי צו פאַרשטיין זיין קולטור; מען מוז קענען זיין קולטור (זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע שאַפונגען), כדי צו פאַרשטיין דעם מענטשן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מענטש איז שטענדיק, פון דעם ערשטן טאָג פון זיין אויפטרעטן אויף דער ערד, געווען אַמשטאַרקסטן אינטערעסירט מיט זיך אַליין, איז דאָך אַנטראָפּאָלאָגיע זייער אַ יונגע וויסנשאַפט. זי איז געבוירן געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אַלס דאָס גייסטיקע קינד פון דאַרוויניזם. עס זיינען געווען הויפּטזעכלעך דאַרווינס „אַנטשטייאונג פון די מינים" (דערשינען אין 1859) און „אָפּשטאַם פון מענטשן" (דערשינען אין 1871), וואָס האָבן ענדגילטיק געמאַכט אַ סוף צו די ביבלישע מעשהלעך וועגן דעם, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין אַ שיינעם פּריוויטן נאָכמיטאָג. דאָס מיינט, אַז ערשט דער דאַרוויניזם האָט באַשאַפן די מעגלעכקייט, די אָביעקטיווע באַדינגונגען, אַז די לערע וועגן דעם מענטשן, אַנטראָפּאָלאָגיע, זאָל קאָנען ווערן אַ וויסנשאַפט.

דער מענטש איז ניט באַשאַפן געוואָרן. ער איז אַנטשטאַנען, פּונקט ווי אַלע אַנדערע בעלי חי און פלאַנצן, אַלס רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקן עוואָלוציאָנער־רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, אַ פּראָצעס וואָס גייט נאָך אָן, און וועט אָנגיין אַזוי לאַנג ווי עס וועט עקזיסטירן לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט. דער מענטש האָט זיין קולטור ניט באַקומען פון די געטער. זי איז אַנטשטאַנען, און האָט אין משך פון איר לאַנגער עקזיסטענץ דורכגעמאַכט אַ פּאַראַלעלע עוואָלוציאָנער־רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג, אַן אַנטוויקלונג, וואָס גייט נאָך אָן פאַר אונדזערע אויגן, און וועט אָנגיין אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער מענטש וועט עקזיסטירן. די אויפגאַבע פון אַנטראָפּאָלאָגיע איז צו שטודירן ביידע פּראָצעסן אומעטום און אין אַלע צייטן. עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז אוממעגלעך דורכצופירן אין דער פּראַקטיק. קיין וויסנשאַפט קאָן

היינט־צו־טאָג ניט אַרומנעמען און פאַראייניקן אין זיך אַלע וויסנשאַפט־צווייגן, און קיין מענטש קאָן היינט־צו־טאָג ניט זיין באַהאַוונט אין אַלע געביטן פון וויסן. אַנטראָפּאָלאָגיע מוז זיך דעריבער באַשרענקען בלויז מיט דעם שטודיום פון דעם פאַר־היסטאָרישן, פּרימיטיוון מענטשן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז ווייל אַנטראָפּאָלאָגיע באַשעפטיקט זיך בלויז מיט די שוין לאַנג אויסגעשטאָרבענע און, לויט אונדזערע איצטיקע סטאַנדאַרדס, ניט־ציוויליזירטע מענטשן, האָט זי גאָר קיין שייכות ניט מיט דעם מאָדערנעם לעבן. פּאַרקערט — דער שורש פון דעם היינט ליגט אין דעם נעכטן. מיר וועלן דערגרייכן אַ סך אַ טיפערע און מער גרינטלעכע פאַרשטענדעניש פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין דער מאָדערנער צייט, ווען מיר וועלן קלאָר און גענוי דערלערנען, ווי עס האָבן פונקציאָנירט די זעלבע אינסטיטוציעס בײַ דער פּרימיטיווער מענטשן־גרופּע (אַנטראָפּאָלאָגיע פאַרנעמט זיך מיט שטודירן די גרופּע און ניט מיט דעם אינדיווידואום).

מאַרקס האָט דאָס פאַרשטאַנען, און ווען דער אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָג, מאָרגאַן, האָט אַרויסגעגעבן זיין באַרימט בוך „די אַלטע געזעלשאַפט”, אין וועלכן ער האָט, ווי ענגעלס דריקט זיך אויס, „אויפסניי אַנטדעקט די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונג”, האָט מאַרקס מיט פרייד אָנגענומען די אויספירן, צו וועלכע מאָרגאַן קומט, און געזען אין זיי אַן אומאָפּהענגיקע באַשטעטיקונג פון זיין אייגענער מאַטעריאַליסטישער (כאָטש ניט דיאַלעקטישער) אויפפאַסונג. 1)

* * *

די פינף קאַפּיטלען פון דעם בוך זיינען אַ טייל פון אַ סעריע לעקציעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1935 אין דעם אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט. צוליב טעכנישע סיבות האָבן אַ רייע וויכטיקע קאַפּיטלען ניט געקענט אַריין אין דעם בוך.

* * *

דער אויטאָר באַטראַכט עס אַלס אַן אָנגענעמע פליכט אויסצודריקן אַ דאַנק די חברים פּ. טשערנער, סעקרעטאַר פון דעם אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט און א. בערגמאַן, לערער אין די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער אָרדן שולן. דעם ערשטן פאַר מאַכן דעם פאָרשלאַג אַרויסצוגעבן די לעקציעס אין בוך־פאָרם און זיינע באַמיאונגען עס דורכצופירן און דעם לעצטן פאַר לייענען דעם מאַנוסקריפּט און פאַר מאַכן אַ סך טרעפלעכע באַמערקונגען, וועלכע דער מחבר האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען.

---

1) זע ענגעלס אַריינפיר צו דער ערשטער אויפלאַגע פון זיין בוך
Der Ursprung der Familie, des Privateigenthums und des Staates. Im Anschluss an Lewis H. Morgan's Forschungen. Zuerich, 1884.

קאַפּיטל 1

דער אָפּשטאַם פון מענטשן

א. דער מענטש: פון וואַנען האָט ער זיך גענומען?

„האָט גאָט געזאָגט: לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, און זיי זאָלן רעגירן איבער די פיש פון ים, און איבער די פויגל פון הימל, און איבער די בהמות, און איבער דער גאַנצער ערד. און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט; אין דעם געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן. אַ זכר און נקבה האָט ער זיי באַשאַפן... און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט עס איז זייער גוט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, דער זעקסטער טאָג.”

די אַלטע העברייער זיינען ניט געווען די ערשטע און אויך ניט די לעצטע, וואָס האָבן געגעבן אַזאַ פּשוטן און נאַאיוון ענטפער אויף דער פראַגע: פון וואַנען האָט זיך גענומען דער מענטש. די באַבילאָנער און עגיפּטער פריער, די הויך ציוויליזירטע גריכן און רוימער שפּעטער האָבן געגעבן דעם זעלבן ענטפער. די פּרימיטיווע פעלקער פון אונדזער צייט דערציילן ענלעכע מעשיות וועגן דער באַשאַפונג פון מענטשן.

אַזוי, צום ביישפּיל, דערציילן די אויסטראַלישע שוואַרצע, וואָס לעבן ניט ווייט פון מעלבורן, אַז פּונד־יעל, דער באַשאַפער, האָט אָפּגעשניטן מיט זיין לאַנגן מעסער דריי שטיק קאָרע פון אַ בוים. אויף איין שטיק האָט ער אַרויפגעלייגט אַביסל ליים און האָט עס אַזוי לאַנג געקנאָטן, ביז עס איז געוואָרן גאָר ווייך. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם קנעטן, האָט ער אַרויפגעלייגט דאָס ווייכע ליים אויף די אַנדערע צוויי שטיקלעך קאָרע, און באַשאַפן פון דעם ליים אַ מענטשלעכע פאָרם. דאָס האָט ער געטאָן אַזוי: צוערשט האָט ער געמאַכט די פיס, דערנאָך די פיס־ביינער, דעם מיטעלן טייל פון קערפּער, די אָרעמס, און צום סוף דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער גענומען די אָדערן פון אַן אייקאַליפּטוס בוים, פון זיי געמאַכט האָר און זיי צוגעקלעפּט צום קאָפּ. די ליימענע מענטשן זיינען אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן פּונד־יעלן, אַז ער האָט פאַר גרויס פרייד געטאַנצט אַרום זיי אין אַ קאַראַהאָד. צום סוף האָט ער זיך אויף זיי אַרויפגעלייגט און אַריינגעהויכט זיין אָטעם אין זייער מויל,

נאָז און נאָפּל. באַלד האָבן זיך די ליימענע פיגורן אָנגעהויבן באַוועגן, ריידן, און זיך אויפגעשטעלט פּאַרטיקע, פולקאָמענע מענטשן.

כאָטש ענלעכע לעגענדעס ווערן דערציילט באַ אַ סך פּרימיטיווע פעל־קער, גלויבן דאָך ניט אַלע צוריקגעשטאַנענע מענטשן-גרופּעס, אַז אַ גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, אָדער, אַז דער מענטש איז אַנטשטאַנען מיט איין מאָל. פאַראַן פעלקער, וואָס וואַרפן אָפּ די גאַנצע „באַשאַפונג־טעאָריע" און האַלטן גאָר, אַז דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט פון נידעריקערע חיות אָדער, ווי מיר וואָלטן זיך היינט אויסגעדריקט, אַז דער מענטש איז אַנטשטאַ־נען אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן. אַזוי, למשל, גלויבן די קאַליפאָרניער אינדיאַנער, אַז זיי שטאַמען אָפּ דירעקט פון אַ פּריירי־וואָלף. גאָר אין אָנהויב זיינען זייערע טאַטעס געגאַנגען אויף אַלע פיר. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך אין זיי אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, אויף אַ זייער לאַנגזאַמען אופן, דער מענטשלעכער קערפּער. צוערשט האָט זיך אויסגעבילדעט איין פינגער, איין פוס־פינגער, איין אויג, איין אויער, דערנאָך אַ צווייטער פינגער, אַ צווייטער אויער, אַ צווייט אויג, א. אז. וו., ביז אין משך פון אַ לאַנג־דויערנדיקן פּראָ־צעס זיינען זיי געוואָרן פולשטענדיקע מענטשן. ביידע טעאָריעס, סיי וועגן דער באַשאַפונג און סיי וועגן דער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פונם מענטשן, זיינען ווייט פאַרשפּרייט אין דער פּרימיטיווער וועלט. זיי ווערן דערציילט אין אינדיע, אַפריקע, אויסטראַליע, אויף די אינדזלען פון דעם פּאַציפישן ים און אין אַמעריקע.1)

ווי מיר האָבן געזען, האָבן באַ די אַלטע העברייער געהערשט ענלעכע פאָרשטעלונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פונם מענטשן, ווי באַ אַ טייל פון היינטיקע פּרימיטיווע פעלקער און ווי באַ די „ציוויליזירטע" גלויביקע פון אונדזער צייט. אין דער אמתן האָבן ביז צום מיטן פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט געגלויבט אין דער ביבלישער לעגענדע די פעלקער פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. זיי האָבן געגלויבט, ווייל זיי האָבן אַנדערש ניט גע־וואוסט. אמת, אַ צאָל גריכישע פילאָזאָפן האָבן שוין הונדערטער יאָר פאַר אונדזער צייטרעכענונג אויפגעשטעלט עוואָלוציאָנערע טעאָריעס, טעאָריעס וועלכע זיינען ווידער אָפּגעפרישט געוואָרן אין דעם 17־טן און 18־טן יאָר־הונדערט אין איירָאָפּע. אָבער די טעאָריעס האָבן געטראָגן בלויז אַ ספּעקו־לאַטיוון כאַראַקטער, זיי זיינען געווען געבויט אויף סברות און ניט אויף רעאַלע פאַקטן. און פאַקטן, קלאָרע, אומבאַשטריטענע וואָס האָבן באַוויזן די ריכטיקייט פון דער עוואָלוציאָנערער טעאָריע, זיינען ערשט אַנטדעקט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט.

1) פאַר מער ביישפּילן זע:
באַנד 1, קאַפּיטל 1. J. G. Frazer, Folk-Lore in the Old Testament, 1918.

די ביבלישע לעגענדע, וואָס דערציילט וועגן דעם, ווי דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין אַ פּריוואַטיק נאָכמיטאָג דערציילט אויך וועגן דעם, ווי ס'איז באַשאַפן געוואָרן די ערד און אַלץ וואָס אויף איר, אַלע פּלאַנצן און חיות. כדי אָפּצוּליייקענען און אָנווייזן די ניט־אויסגעהאַלטנקייט פון דער לעגענדע, זיינען נויטיק געווען דריי באַווייזן: (1) אַז די ערד, (2) אַז די פּלאַנצן און חיות און (3) אַז דער מענטש האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַ בהדרגהדיקן אופן. די געאָלאָגן האָבן באַוויזן דאָס ערשטע: די ערד אויף וועלכער מיר לעבן איז ניט באַשאַפן געוואָרן; זי איז אַן אָפּגעקילטער פּלאַנעט, וואָס דרייט זיך אַרום דער זון און האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע, ניט ווי די ביבל גיט אָן, פון זעקס טויזנט יאָר, נאָר פון מיליאָנען יאָרן! די ביאָלאָגן, און דער גרעסטער ביאָלאָג — דאַרווין, האָבן באַוויזן דאָס צווייטע: די פּלאַנצן און חיהשע מינים זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן, נאָר זיינען אַנטשטאַנען אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן, און דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס גייט נאָך אָן פאַר אונדזערע אויגן. ניט נאָר האָבן זיי



אַ גייענדיקע גאָרילאַ

באַוויזן די ניט־אויסגעהאַלטנקייט פון דער באַשאַפונג־לעגענדע, נאָר זיי האָבן אויך קלאָר געמאַכט די פאַקטאָרן וואָס האָבן גורם געווען צו דעם אַנטוויקלונג פּראָצעס פון די פּלאַנצן און חיות ביז צום היינטיקן טאָג. די ביבל און אירע מאָדערנע אָנהענגער זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. שוין נאָך דעם ווי זיי האָבן געהאַט אויפגעגעבן די באַשאַפונג־טעאָריעס פון דער ערד, פון די פּלאַנצן און חיות, האָבן זיי אָבער די טעאָריע וועגן דער באַשאַפונג פון דעם מענטשן ניט אויפגעגעבן. דאַרווין, האָבן זיי געטענהט, מעג זיין גערעכט אָדער אומגערעכט בנוגע דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון די בעלי־חי, אָבער קיין באַווייזן, קיין קלאָרע, אומבאַשטריטענע באַווייזן, אַז דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ נידעריקערער חיה, האָט ער ניט געבראַכט. אויב עס איז

ריכטיק, אז דער מענטש איז ניט באשאפן געוואָרן, נאָר האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ מאַלפּע־ענלעכער חיה, דאַן — אַזוי האָבן זיי געטענהט — וואו זיינען אַהינגעקומען די פאָרמען פון די צווישן־שטופעס? אַלע מענטשן, פּרימיטיווע פונקט ווי מאָדערנע, ווייסע, שוואַרצע און געל־הויטיקע שטעלן מיט זיך פאָר —ניט קוקנדיק אויף זייערע פיזיאָלאָגישע און אַנאַטאָמישע פאַרשיידנהייטן —איין מין: זיי זיינען אַלע מענטשן; אַלע מינים מאַלפּעס: די גאָרילאַ, די שימפּאַנזע, דער אָראַנג אוטאַנג א. אז. וו. זיינען—טראָץ זייערע אונטער־שיידן— מאַלפּעס. וואו איז דער מאַלפּע־מענטש, דער טיפּ, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן דעם איבערגאַנג פון מאַלפּע צו מענטש?

דער מאַלפּע־מענטש איז געפונען געוואָרן. פּאַלעאָנטאָלאָגיע 2) האָט געבראַכט דעם דריטן באַווייז. אמת, דער מאַלפּע־מענטש איז ניט מער צווישן די לעבעדיקע, אָבער ער איז דאָ. זיין פאַרשטיינערטער סקעלעט איז געפונען געוואָרן טיף באַגראָבן אין דער ערד. ער איז טויט, אָבער זיין טויט־קייט האָט אין זיך מער לעבן, מער ממשותדיקייט, וויסנשאַפטלעך גערעדט, ווי די לעבעדיקע פאַרשטייער און פאַרטיידיקער פון דעם ביבלישן יהוה און אויסטראַלישן פונד־יעל.

ב. דער מאַלפּע־מענטש

פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס. אין דעם חודש סעפּטעמבער, 1891, האָט דער האָלענדישער געלערנטער, דר. יודזשין דובואַ, געפונען אויף דעם אינדזל יאַוואַ איין באַק־צאָן און איין ווייזהייט־צאָן. אַ חודש שפּעטער האָט ער אויף דעם זעלבן אָרט געפונען אַ שיידל פון אַ שאַרבן. צוליב דעם שטאַרקן רעגן האָט די אַרבעט פון גראָבן אין דער ערד זיך געמוזט אָפּשטעלן און איז ערשט ווידער פאָרגעזעצט געוואָרן אין חודש מאַי, 1892. אין חודש אויגוסט איז געפונען געוואָרן אַ היפּט־ביין פון אַ לינקן פוס, און אין אָקטאָבער פון דעם זעלבן יאָר איז געפונען געוואָרן אַן אַנדערער באַק־צאָן. כאָטש די רעשטלעך זיינען געפונען געוואָרן ניט מיט איין מאָל און ניט אויף דעם זעלבן אָרט, איז דאָך געווען קלאָר, אַז זיי זיינען גלידער פון איין באַשע־פעניש. אַלע אַנאַטאָמיקער, וועלכע האָבן גענוי אונטערזוכט די רעשטלעך, זיינען געווען איינשטימיק, אַז די געפונענע גלידער שטעלן מיט זיך פאָר טיילן פון אַ קערפּער, וואָס האָט אַ גרויסע ענלעכקייט סיי צו אַ מאַלפּע, און סיי צו אַ מענטשן. אַ טייל געלערנטע האָבן געגלויבט, אַז די רעשטלעך האָבן באַלאַנגט צו אַ מאַלפּע מיט מענטשלעכע שטריכן; אַנדערע ווידער, האָבן

---

2) די וויסנשאַפט וואָס פאַרנעמט זיך מיט שטודירן די פאַרשטיינערטע איבער־בלייבונגען פון פאַרצייטיקע אָרגאַניזמען, וועלכע האָבן אַמאָל עקזיסטירט אויף דער ערד.



סקעלעטן פון אַ גיבאָן, אָראַנג, שימפּאַנזע, גאָרילאַ און מענטש

געטענהט, אז זיי האָבן באַלאַנגט צו אַ מענטשן מיט מאַלפּע-שטריכן. דר. דובוא, דער אַנטדעקער פון די פאַרשטיינערטע גלידער, האָט שפּעטער באַוויזן, און אַלע זיינען היינט איינשטימיק מיט אים, אַז די רעשטלעך האָבן באַלאַנגט צו אַ טיפּ, וואָס איז געשטאַנען צווישן די הויך־אַנטוויקלטע מאַל־פּעס און דעם מענטשן. אורטיילנדיק לויט דעם שאַרבן־הייל, די בויגנס איבער די ברעמען און שטערן, איז דאָס באַשעפעניש געווען מער ענלעך צו אַ הויך־אַנטוויקלטער מאַלפּע, ווי צו אַ מענטשן. פון דער אַנדערער זייט איז אפשר מעגלעך, אַז דאָס באַשעפעניש האָט שוין פאַרמאָגט די פייאיקייט צו ריידן אויף אַן אַרטיקולירטער שפּראַך. די פאָרם פון דעם היפּט־ביין באַוויזט, אַז עס איז געגאַנגען אויף צוויי פיס. דר. דובוא האָט דעריבער אָנגערופן אָט דאָס באַשעפעניש פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס, דאָס מיינט דער גראַדשטייענדיקער מאַלפּע־מענטש. לויט דער לענג פון דעם פוס־ביין איז דער מאַלפּע־מענטש געווען אַן ערך 5½ פוס הויך. זיין שאַרבן־גרויס איז געווען 900 קובישע צענטימעטער. ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט, אַז די מאָס פון שאַרבן־הייל פון דער גרעסטער גאָרילאַ איז זעלטן מער ווי 600

פּיטעקאַנטראָפּוס

צענטימעטער, און דער נידעריקסט־אַנטוויקלטער מענטש האָט דורכשניטלעך נים מער ווי 1000 קובישע צענטימעטער, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דער פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס איז געווען מער מענטש ווי מאַלפּע, כאָטש ער האָט געהאַט אַ מאַלפּישן אויסזען. דער מאַלפּע־מענטש האָט געלעבט מיט

אַן ערך 500,000 יאָר צוריק. די אנטדעקטע טיילן זיינע געפינען זיך אין דעם טיילאָר מוזעאום, האארלעם, האָלאַנד.

דער היידלבערגער מענטש. אין 1909, פופצן יאָר נאָך דעם ווי דובוא האָט פאַרעפנטלעכט זיינע אויספירונגען איבער דעם גראדשטייענדיקן מאַלפּע־מענטש איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטע אַנטדעקונג. דאָס מאָל אין די זאַמדן, נים ווייט פון דער שטאָט היידלבערג, דייטשלאַנד. דאָרט האָט דר. שעטענזאַק געפונען אַ זייער גוט פּרעזערווירטן אונטערשטן קינבאַק מיט ציין. די ציין, כאָטש גרעסערע ווי ציין פון אַ מאָדערנעם מענטשן, זיינען מענטש־לעך. דערפאַר אָבער האָט די מאָרדע אַ פאָרם, וואָס שטייט צווישן שימ־פּאַנזע און אַ מענטשן. די אינערלעכע זייט פון דעם פאָדערשטן טייל פון דעם קינבאַק איז זייער דיק. עס איז דעריבער די מיינונג פון אַ סך געלערנטע, אַז דער היידלבערגער מענטש האָט נאָך ניט געהאַט די פיאיקייט צו ריידן, ווייל זיין צונג האָט זיך ניט געקאָנט פריי באַוועגן. אויף דעם לייטער פון עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג שטייט דער היידלבערגער טיפּ צווישן די מענטשן־מאַלפּעס און דעם מענטשן. דער קינבאַק איז געפונען געוואָרן אַכציק פוס אין דער ערד, און פון דער שיכט ערד, וואו ער איז אויסגעגראָבן גע־וואָרן, קומען די געלערנטע צום אויספיר, אַז דער היידלבערג־מענטש האָט געלעבט אַן ערך 250,000 יאָר צוריק. דער קינבאַק געפינט זיך אין דעם מוזעאום פון דער שטאָט היידלבערג.

עאָאַנטראָפּאָס („פרימאָרגן־מענטש”). פאַרשטיינערטע רעשטלעך פון אַ טיפּ מענטש, וועמען די געלערנטע רופן אָן מיט דעם נאָמען „פרימאָרגן־מענטש”, זיינען געפונען געוואָרן פון טשאַרלס דאָוסאָן, אין 1911, אין פּילט־דאַון, סוסעקס, ענגלאַנד. לויט די רעשטלעך, וואָס באַשטייען פון אַ שיידל, פון אַ קינבאַק און אַ פּאָר באַק־ציין, איז דער עאָאַנטראָפּאָס געווען כמעט אַ פולשטענדיקער מענטש. ער האָט געהאַט אַ מענטשלעכן שאַרבן־שיידל מיט אַ מאַלפּישן קינבאַק. די גרויס פון זיין שאַרבן איז געווען די זעלבע ווי פון דעם מאָדערנעם מענטשן. ער האָט געלעבט אַן ערך 100,000 יאָר צוריק. די פאַרשטיינערטע רעשטלעך געפינען זיך אין דעם בריטישן מוזעאום, לאָנדאָן, ענגלאַנד. צוזאַמען מיט די רעשטלעך איז געפונען געוואָרן אַן אויסערגע־וויינלעך געצייג געמאַכט פון העלפאַנט־ביין. פון דעם איז צו זען, אַז אונדזער עאָאַנטראָפּאָס איז שוין געווען „אַ מענטש מיט מענטשן גלייך”, דאָס הייסט, אַ געצייג מאַכנדיקע חיה.

נעאַנדערטאַל מענטש. אין 1857 זיינען געפונען געוואָרן רעשטלעך פון אַ מענטשלעכן סקעלעט אין נעאַנדערטאַל, נים ווייט פון דיסלדאָרף, דייטשלאַנד. דער טיפּ מענטש ווערט אָנגערופן נעאַנדערטאַלער, אויפן נאָמען

פון דעם אָרט וואו מען האָט געפונען די רעשטלעך. דער נעאַנדערטאַל־מענטש האָט געלעבט אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע אַן ערך 40,000 יאָר צוריק. רעשטלעך פון זיינע פאָרשטייערטע ביינער זיינען געפונען געוואָרן אין בעלגיע אין 1866 און 1886, אין פראַנקרייך (אַ שאַרבן פון אַ קינד) אין 1921, אין גיבראַלטאַר (אַ שאַרבן פון אַ פינף יאָריק קינד) אין 1926, אין קאַווקאַז, אין קרים און אין 1925 אין גליל, פּאַלעסטינע. טראָץ דעם, וואָס עס זיינען באַ אים פאַרבליבן געוויסע מאַלפּע־שטריכן, ווי זיין זייער נידעריקער שטערן, די גרויסע בויגנס איבער די ברעמען, די ווייניק אַנטוויקלטע מאָרדע, און דער פאַקט, וואָס ער איז ניט געגאַנגען גראָד, נאָר האַלב־איינגעבויגן, ווי זיצנדיק (שטריכן, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָרילעס און שימפּאַנזעס), איז דער נעאַנדערטאַלער דאָך געווען אַ פולשטענדיקער מענטש, דער פיזישער און גייסטיקער טאַטע פון אונדז אַלעמען. ער איז געווען 5.3 פוס הויך און די גרויס פון זיין שאַרבן איז געווען די זעלבע ווי פון דעם מאָדערנעם מענטשן, 1500 קובישע צענטימעטער. ער איז געווען

דער נעאַנדערטאַל מענטש

אַ יעגער, האָט געמאַכט געצייג פון קיזל־שטיין און באַנוצט פייער. נאָך מער, ער איז געווען אַ „ציוויליזירטער" מענטש: די טויטע האָט ער באַגראָבן אין קברים! לויט דעם ענגלישן אַנטראָפּאָלאָג קיט, שטאַמט דער נעאַנדערטאַל־מענטש אָפּ דירעקט פון דעם הײַדלבערגער־מענטש. די ערשטע רעשטלעך, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין 1857, געפינען זיך אין דעם מוזעאום פון דער שטאָט באָן, דייטשלאַנד.

װאַרשײַנלעכער אָפּשטאַם־בױם פֿון מאַלפּע און מענטש*



*) לױט A. Keith, The Antiquity of Man, 1931. זײַט 509.

דער מאָדערנער מענטש. דער היינטיקער טיפּ מענטש איז דערשינען אין זיין פולער פיזישער שיינקייט און גייסטיקער גרויסקייט מיט אַן ערך 20,000—25,000 יאָר צוריק. זיין ערשטער סקעלעט איז געפונען געוואָרן אין קראָ־מאַגנאָן, פראַנקרייך. דער קראָ־מאַגנאָן טיפּ איז ניט נאָר געווען אַ מענטש, נאָר אַ האָמאָ סאַפּיענס, „אַ מענטש—אַ בעל־שכל". ער איז געוועןאַ וואונדערבאַרער קינסטלער. זיינע בילדער און דעקאָראַציעס, געמאָלן אויף די ווענט פון היילן, און זיינע סקולפּטורן, געפורעמט פון ביינער און פון שטיינער, שטעלן מיט זיך פאָר די ערשטע מייסטער־ווערק פון דער מענטש־לעכער ראַסע. ער האָט פאַרמאָגט די זעלבע גייסטיקע פיאיקייטן וואָס מיר, און זיין קולטורעלער ניוואָ איז געווען דער זעלבער, אויף וועלכן די אויסטראַ־ליער זיינען געשטאַנען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק.

דעם מענטשנס פאַרגאַנגענהייט, פיזישע און קולטורעלע, ליגט באַ־גראָבן אין דער ערד. אַרכעאָלאָגן גראָבן אויס די מתים פון די קברים. אמת, זיי מאַכן די מתים ניט צוריק לעבעדיק. אָבער זיי מאַכן זיי רײדעוודיק. וואָס טיפער מיר גראָבן, אַלץ מער באַווייזן קומען צום פאָרדערגרונט, אַלץ מער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן דער פאַרוויקלטער, פאַרפּלאָנטער־טער, אָבער גיגאַנטישער פּראָצעס פון לעבן אין זיין גאַנצן עוואָלוציאָנערן פאַרנעם. אין די אויבערשטע ערד־שיכטן געפינט מען סקעלעטן פון דעם מאָדערנעם מענטשן; טיפער געפינט מען פאַרשטיינערטע סקעלעטן פון מענטשן־מאַלפּעס; נאָך טיפער — פון קליינע מאַלפּעס. גראָבט מען אָבער נאָך אַלץ טיפער, געפינט מען שוין גאָר קיין שפּורן ניט פון דעם מאַלפּע־מענטש צוויג. די ערד באַשטעטיקט די דאַרוויניסטישע טעאָריע פון דעם מענטשנס אָפּשטאַם: דער מענטש איז ניט באַשאַפן געוואָרן — ער איז גע־וואָרן אַ מענטש.

ביבליאָגראַפיע:

Charles Darwin, The Origin of Species, 1859.
Charles Darwin, The Descent of Man, 1871.
(אידיש: די אָפּשטאַמונג פון מענטשן, 1933)
H. H. Wilder, The Pedigree of the Human Race, 1926.
M. E. Boyle, In Search of Our Ancestors, 1928.
H. F. Cleland, Our Prehistoric Ancestors, 1928.
A. Keith, The Antiquity of Man, 1931.

קאַפּיטל 2

ווירטשאַפט און אייגנטום

א. זאַמלער, יעגער און פישער

קיינע פון די היינטיקע פּרימיטיווע פעלקער שטייט ניט אויף יענער נידעריקער שטופע פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען די אור־מענטשלעכע גרופּע. אפילו די טאַסמאַניער, די צום ווייניקסטן־אַנטוויקלטע גרופּע, וואָס איז באַקאַנט דער עטנאָלאָגישער פאָרשונג, האָבן צו דער צייט ווען זיי זיינען אַנטדעקט געוואָרן דורך די אייראָפּייער (אין 17טן יאָרהונדערט) שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעט, בלויז ווינטער האָבן זיי באַדעקט זייערע קערפּערס מיט קאַנגערו־פעל. געגערט האָבן זיי זיך נאָר מיט אַזעלכע שפּייזן, וועלכע זיי האָבן געפונען גרייטערהייט אָדער וועלכע זיי האָבן באַקומען דורך יאַגד. זייער געצייג איז באַשטאַנען פון שטיינערנע שאָבערס און מעסערס, און זייער וואָפן איז באַשטאַנען פון אַ שפּיז און אַ דובינקע געמאַכט פון האָלץ. אַ חוץ דעם, האָבן זיי אויך באַנוצט אַ מין באַרזשע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון ביימער צוזאַמענגעבונדן מיט צווייגלעך. כאָטש קיין דירעקטע באַווייזן זיינען ניט פאַראַן, איז דאָך קלאָר, אַז די ערשטע מענטשן האָבן, ווי זייערע נאָענטסטע קרובים אין דער חיהשער וועלט, די מאַלפּעס, זיך בלויז באַנוצט מיט אַן איבערגעבראָכענעם צווייג און אַ ניט־באַאַרבעטן שטיין, וועלכע האָבן זיי געדינט סיי אַלס געצייג און סיי אַלס וואָפן. גענעבט האָבן זיי אָן ספק בלויז פון קלייבן פּרוכטן, גרינסן, אינזעקטן, פייגל־אייער, א. אַז. וו. אָט די ווירטשאַפט שטופע ווערט, ווי באַקאַנט אָנגערופן די עפּאָכע פון זאַמל־ווירטשאַפט.

לאַנגזאַם, אָבער מיט זיכערע שריט, דורך אַ לאַנגן און אַ שווערן פּראָצעס, איז דער מענטש סוף כל סוף דערגאַנגען צו דער שטופע, ווען ער איז געוואָרן דער הערשער איבער דער נאַטור: אַ געצייג־מאַכנדיקע חיה. געצייג האָט געמאַכט פונם מענטשן אַ מענטש. דער מענטש, אַ שוואַכע בריאה אין דער חיהשער וועלט, וואָלט ניט נאָר אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט (25,000 יאָר) ניט געקענט זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער ערד, נאָר וואָלט אונטערגעגאַנגען, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַפילו קיין שפּור. ביסלעכוויַיז האָט דער מענטש אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די פונקציעס פון זיינע קערפּער־אָרגאַ־



קיזל־שטיין געצייג פון דער מיטעלער פאלעאליטישער תקופה

נען, און געלערנט דורך קינסטלעכע מיטלען זיי צו פארשטארקערן, צו פאר־גרעסערן און צו פארמערן, כדי זיי זאָלן אים באהילפיק זיין אין זיין קאמף פאר דער עקזיסטענץ. אנשטאט שלאָגן אָדער קלאפּן מיט זיין נאקעטער פויסט, האָט ער אָנגעהויבן באנוצן פאר דעם צוועק א שטיין; צו פארלייג־נערן זיין אָרעם, האָט ער באנוצט אן איבערגעבראָכענעם צווייג. די צוויי דער־פינדונגען—וועלכע זיינען שפּעטער פארפאלקאָמט געוואָרן און האָבן געפירט, אין א דירעקטער ליניע, צו דער וואונדערבארער טעכניק פון אונדזער צייט — האָבן דעם פרימיטיוון מענטשן דערמעגלעכט איבערצוגיין צו יאגד אויף חיות, פייגל און פיש, אויף חיות גרעסערע, שטארקערע און פלינקערע פון אים. דאָס האָט מעגלעך געמאכט צו פארמערן און צו באַרייכערן זיין דיעטע, פארמערן און באַרייכערן זיין שפּייז־צופלוס און ניט מער! עס דארף דאָ באמערקט ווערן, אז דער ווייט־פארשפרייטער גלויבן, אז עס האָט עקזיסטירט א פרימיטיווע „יעגער־געזעלשאפט”, וואָס האָט זיך געשפּייזט אויסשליסלעך פון יאגד, איז ניט ריכטיק. יאגד שפּילט א קלענערע אָדער גרעסערע ראָלע אַלס שפּייז־צופלוס אין יענע ערטער, וואו עס איז דאָ נאָך וואָס זיך צו יאָגן און וואָס צו כאפּן, באזונדערס אין יענע געזעלשאפטן, וואָס באזיצן שוין א פייל און בויגן. אין אַלגעמיין אָבער איז יאגד געווען און איז פארבליבן, מיט זעלטענע אויסנאַמען, א סעקונדערער קוואַל פון פרנסה. איידער די מענטשן גייען איבער צו אגריקולטור און פיצוכט איז קלייבן גרינסן און אינזעקטן און גאַרטן־בוי דער הערשנדיקער אופן פון קריגן שפּייז.

אויף דער שטופע פון קלייבן און יאגד זיינען געשטאנען די שוין איצט אויסגעשטאָרבענע (ריכטיקער—אויסגעמאָרדעטע) טאסמאניער, ווען זיי זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר 1642 אויף א צפון־מזרח אינדזל פון פאציפישן ים, דורך דעם האָלענדער אַבעל יאנסאָן טאסמאן. געזעלשאפטלעך זיינען זיי געווען אָרגאניזירט אין האָרדעס פון דרייסיק ביז פופציק מענטשן. יעדע האָרדע האָט געהאַט איר אייגענעם, כאָטש ניט אָפּגעגרענעצטן, באצירק; אָדער ראַיאָן פון אַן ערך צוואנציק מייל די גרויס, וואו די מענער פלעגן גיין אויף יאגד און די פרויען און קינדער פלעגן זאַמלען פרוכטן, גרינסן, שוואָמען, פויגל־אייער, אינזעקטן, א. אַז. וו. אין דער שפּיץ פון יעדער האָרדע איז געשטאנען א ראַט-געבער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער גרופּע. זיין אויפגאַבע איז געווען אָנצופירן און ניט צו הערשן, צו געבן עצות, ניט צו באַפעלן. ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט און אויך ניט קיין מיטלען אַרויפצוצווינגען זיין ווילן אויף די איבעריקע מיטגלידער פון דער האָרדע.

כמעט אויף דער זעלבער שטופע פון ווירטשאפטלעכער אַנטוויקלונג ווי עס זיינען געשטאנען די טאסמאניער אין דעם 17־טן און 18־טן יאָר־הונדערט, שטייען נאָך היינט די אויסטראַלישע איינגעבוירענע. ווי די טאס־

מאניער זיינען זיי זאמלער און יעגער, אבער, להיפך צו יענע, פארנעמען זיך די אויסטראליער אויך מיט פישפאנג, און אזוי ארום איז זייער דיעטע א מער זיכערע און א רייכערע. די פיש כאפן זיי דורך פארשיידענע מיטלען: דורך שילדן, וואס זיי שטעקן אריין אין וואסער און ווארפן מיט זיי ארויס די פיש אויף דער טריקעניש; דורך שטעכן זיי מיט שפיזן; א טייל באנוצן אפילו נעצן. די טעכניק שטייט שוין ביי זיי אויף א העכערער שטופע. בשעת די טאסמאניער האבן נאך ניט געוואוסט פון קיין פייל און בויגן, באנוצן זיך די אויסטראליער מיט זייערע פייל און בויגן אויף א זייער געשיקטן אופן. די ארבעט־איינטיילונג איז באזירט אויף געשלעכט: יאגד, פישפאנג, דאס פארפערטיקן פון געצייג און וואפן געהערט צו דער ספערע פון דעם מאן; קלייבן וועגעטארישע און אינזעקט־שפייזן — צו די פרויען און קינדער. דאס לאנד געהערט צו דער גאנצער הארדע, דאס הייסט, עס איז קאלעקטיווו אייגנטום. יעדער מיטגליד פון דער גרופע קאן גיין אויף יאגד אדער קלייבן אין דעם הארדע־ראיאן, וואו און ווען ער וויל. דאקעגן, זיינען די געצייג און וואפן, וואס איינער מאכט פאר זיין אייגן געברויך, זיין פריוואט אייגנטום, און קיינער קאן זיי בא אים ניט אוועקנעמען. דאס איז ריכטיק אויך אין באצוג צו דער פרוי. צירונג, קוישלעך, קאך־געשיר, א. אז. וו., וואס זי אליין מאכט, געהערט צו איר, און ניט צו איר מאן. בא די אויסטראליער, ווי פריער בא די טאסמאניער, איז א מנהג, אז ווען א יעגער קומט צוריק אין לאגער מיט א דערשאסענער חיה, עסט ער זי ניט אויף אליין, נאר מוז זיך טיילן מיט דעם רויב מיט אלע מיטגלידער, אדער מיט די נאענטסטע קרובים אין זיין הארדע. קונאוו 1) האט רעכט ווען ער באהויפטעט, אז די סיבה וואס האט געפירט צו דעם מנהג, וועלכן ער רופט אן נויט־קאמוניזם, איז געווען הונגער. ווען די הארדע מיטגלידער זיינען געווען הונגעריק, א זאך וואס פלעגט זייער אפט טרעפן, און איינער האט געבראכט א נאר־וואס דערשלא־גענע קאנגערו, אדער אן אנדער חיה, איז ער געצוואונגען געווארן פון די אנדערע צו טיילן מיט זיי דעם רויב. דער מנהג האט זיך שפעטער עטאבלירט אין אן אינסטיטוציע פון פארברויך־קאמוניזם.

אזוי, למשל, דערציילט האוויט: 2) „ווען די מענער פון דעם קאראמאנדי־שבט גייען אויף יאגד, איז דער כלל, אז די וועלכע זיינען דערפאלגרייך, טיילן זייער רויב מיט יענע, וועלכע האבן געהאט ווייניקער גליק. קיין געזעץ אבער ווי אזוי דער רויב זאל צעטיילט ווערן לויט באשטימטע כללים איז בא זיי ניטא. די וויראדזשורי צעטיילן זייער שפייז לויט די כללים פון געברויך־

1) Heinrich Cunow, Allgemeine Wirtschaftsgeschichte, 1926. באנד 1.

2) A. H. Howitt, The native tribes of South-East Australia, 1904. זייט 726.



געצייג פון פאלירטן שטיין אין דער נעאליטישער עפּאָכע

קאָמוניזם, אַן אַלגעמיינע און גלייכע פּאַרטיילונג.3) פון אַלע געזונטע מענער אין דעם טשעפּאַרא שבט ווערט דערוואַרטעט, אַז זיי זאָלן באַזאָרגן די גרופּע מיט שפּייז. אויב איינער פון זיי פוילט זיך און בלייבט אין לאַגער, ווערט ער אויסגעלאַכט און באַליידיקט פון אַלע אַנדערע. מענער, פרויען און קינדער פאַרלאָזן דעם לאַגער זייער פרי. די מענער גייען אויף יאַגד, און די פרויען און קינדער גייען קלייבן און זאַמלען שפּייז. נאָך אַ געוויסער צייט קומען זיך אַלע צוזאַמען לעבן אַ וואַסער-קוואַל, וואו עס ווערט געמאַכט אַ פייער און די שפּייז ווערט געקאָכט אָדער געבראָטן. דאָס עסן ווערט צעטיילט גלייך אויף גלייך צווישן אַלע אַנוועזנדע. נאָך דעם ווי אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן נעמען די פרויען צוזאַמען דאָס איבערגעבליבענע און טראָגן עס אין לאַגער פאַר די אַלטע און קראַנקע.״4)

דאָס פאָלגנדע דערציילט דאָוסאָן וועגן דעם לעבן פון די אויסטראַלישע שבטים אין דער מערב פּראָווינץ פון וויקטאָריאַ: „עס זיינען פאַראַן זייער שטרענגע כּללים בנוגע דער פאַרטיילונג פון שפּייז. ווען אַ יעגער ברענגט רויב אין לאַגער אַריין, גיט ער אים אָפּ צו דעם עלטסטן. דער יעגער אַליין שטייט פון דער זייט און מוז צוקוקן ווי די בעסטע פּאָרציעס ווערן צעטיילט, בשעת ער אַליין קריגט דאָס ערגסטע... דער מנהג ווערט אָנגערופן יואורקא באַאוואַר, דאָס הייסט „אויסטויש״. צו ווייזן ווי שטרענג אָט דער מנהג ווערט אָפּגע־היט און די שטראָף, וואָס איינער קריגט, ווען ער פאַרזינדיקט זיך, ווערט דערציילט דאָס פאָלגנדע מעשהלע. אַמאָל איז געווען אַ זייער געמיינער מענטש מיט דעם נאָמען מיט (,עגאָאיסט׳). איז ער געגאַנגען אויף יאַגד און עס האָט אים אָפּגעגליקט: ער האָט געכאַפּט אַ קאַנגערו, אין אַ צייט ווען קאַנגערוס זיינען געווען זייער וויניק. קומענדיק צוריק אין לאַגער, האָט ער די קאַנגערו ניט צעטיילט צווישן אַלעמען, ווי עס איז געווען דער מנהג, נאָר זי אַליין אויפגעגעסן. אָט די אויפפירונג זיינע האָט אַזוי אויפגערעגט די אַנדערע האָרדע־מיטגלידער, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיך אין אים נוקם צו זיין... זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב און פאַרשטאָפּט די עפענונג מיט צווייגן און גראָז. שפּעטער האָבן זיי געטריבן אַ פּאָר קאַנגערוס אין דער ריכטונג פון דעם גרוב און איינגערעדט מיטן, ער זאָל זיך יאָגן נאָך זיי. ער האָט דאָס געטאָן — און איז אַריינגעפאַלן אין גרוב. גלייך האָבן די אַנדערע ווידער פאַרדעקט דעם גרוב און געלאָזט בלויז אַ קליין לעכעלע אין דער עפענונג, כּדי מיט זאָל האָבן לופט און זונשיין. דאָרט האָבן זיי אים גע־האַלטן, ביז ער איז שיר ניט געשטאָרבן פון דאָרשט און הונגער. מיט האָט זיך געבעטן בא זיי, אַז זיי זאָלן ברייטער מאַכן דעם לאָך, און ווען זיי האָבן

3) דערזעלבער, זייט 764.
4) דערזעלבער, זייט 767.

דאָס געטאָן, איז ער אַרויס פון גרוב און אַנטלאָפן. ער איז אָבער געווען אַזוי אויסגעהונגערט, אַז ער האָט ווייט ניט געקאָנט לויפן און איז געפאַלן אַ טויטער. זיינע פאַרפאָלגער האָבן דעם קערפּער אַריינגעוואָרפן אין גרוב, וועלכער עקזיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג. אַלטע דערציילן דאָס מעשהלע פון מיטן צו די יונגע, צו וואָרענען זיי, אַז זיי זאָלן ניט זיין עגאָאיסטיש.״ 5)

ב. אַקערבוי

ווי דער בעסטער ביישפּיל פון אַ פּרימיטיווער געזעלשאַפט, וואָס לעבט פון אַקערבוי, אַלס אַ הויפּט־קוואַל, און יאַגד, אַלס אַ סעקונדערער קוואַל פון פּרנסה, קאָן דינען דער אַמעריקאַנער אינדיאַנער שטאַם פון די איראַקעזן. 6) די גענויע ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן פון זייער ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן, פאַרדאַנקען מיר דעם גרויסן אַמעריקאַנעם אַנטראָפּאָלאָג לואיס הענרי מאָרגאַן, 7) וועלכער איז אגב געווען דער ערשטער וואָס האָט רעקאָנסטרואירט אין אַלגעמיינע שטריכן דאָס לעבן פון דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט פון אַ ריין עקאָנאָמיש־עוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. 8)

לויט מאָרגאַנען זיינען די איראַקעזן (אַ טייל פון זיי האָבן געלעבט אין דעם צפון פון דעם שטאַט ניו יאָרק) געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע פון אַנטוויקלונג. זיי האָבן באַנוצט פייל און בויגן, און זייער געצייג איז געווען געמאַכט פון קיזל־שטיין און ביינער; ערדענע כלים, שטריקעריי, וועבעריי און לעדער אינדוסטריע זיינען געווען באַ זיי ווייט פאַרשפּרייט; אינדיאַנער־קאָרן, בעבלעך, קירבעס און טאַבאַק זיינען קולטיווירט געוואָרן; געוואוינט האָבן זיי אין לאַנגע טענעמענט־הייזער פון פינף ביז צוואַנציק פאַמיליעס אין אַ הויז.

די איראַקעזן זיינען געווען אָרגאַניזירט אין גענטעס, 9) פראַטריעס 10) און שבטים. 11) דער קלענסטער סאָציאַלער איינס איז געווען די גענס. אירע מיטגלידער זיינען אַלע געווען בלוט־קרובים, קינדער פון איין אור־מוטער.

---

5) James Dawson, Australian Aborigins, 1881. זייט 22—23.

6) זע: S. H. Stites, Economics of the Iroquois, 1915.

7) זע: Lewis H. Morgan, The Ho-dé-no-sau-nee or Iroquois, 1851.

8) זע: דערזעלבער, Ancient Society, און פ. ענגעלס, די אַנטשטייאונג פון דער פאַמיליע.

9) פון דעם לאַטייניש וואָרט gens. מאָרגאַן באַנוצט דעם טערמין צו באַצייכענען אַן ענג־פאַרקניפּטע גרופּע פון בלוט־קרובים, וועלכע שטאַמען אָפּ פון איין מאַמען.

10) פון דעם לאַטייניש וואָרט frater „ברודער“, דאָס הייסט, אַ ברידערשאַפט.

11) אַ קאָנפעדעראַציע פון פאַרוואַנדטע שבטים האָט געטראָגן בלויז אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. ספּעציעל זיינען אַזעלכע קאָנפעדעראַציעס אָרגאַניזירט געוואָרן אין צייט פון מלחמה.

די מיטגלידער פון דער געגס האָבן געהאַט די פאָלגנדע רעכטן, פריווילעגיעס און פארפליכטונגען:

1. דאָס רעכט צו דערוויילן אַן עלטסטן (סייקעם) און קריג-פירער.
2. דאָס רעכט זיי אַראָפּצוזעצן פון אַמט.
3. די פארפליכטונג ניט חתונה צו האָבן אין דער געגס.[12]
4. ירושה רעכט איבער דעם פארמעגן פון פארשטאָרבענע געגס מיט־גלידער.
5. קעגנזייטיקע פארפליכטונגען פון הילף און פארטיידיקונג.
6. דאָס רעכט צו טראָגן אַ ספּעציעלן נאָמען.
7. דאָס רעכט צו אַדאָפּטירן פרעמדע.
8. געמיינזאַמע רעליגיעזע מנהגים.
9. אַ געמיינזאַמער בית־הקברות.
10. געמיינזאַמע געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט (אַסעמבלי).

די געגס איז געווען אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע אין פולן זינען פון וואָרט. אַלע דערוואַקסענע, מענער און פרויען, האָבן געהאַט שטימרעכט. דער עלטסטער, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער געגס אין צייט פון שלום, דער קריג־פירער, וואָס האָט געפירט די מענער אין קאַמף, האָבן אין פאַל ווען זייער אויפפירונג איז געווען געגן די אינטערעסן פון דער געגס, געקאָנט צו יעדער מינוט אַראָפּגעזעצט ווערן. זייער מאַכט איז געווען אַ באַ־ראַטערישע, ווי בײַ די אויסטראַליער, זייער ווילן האָבן זיי אויף קיינעם ניט געקענט אַרויפצווינגען. אַלע זיינען געווען פריי און פארפליכטעט צו פאַר־טיידיקן ניט נאָר זייער אייגענע פרייהייט, נאָר אויך די פרייהייט פון די אַנדערע מיטגלידער פון דער זעלבער געגס. פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט, כאָטש ניט פאָרמולירט, איז געווען דער קאַרדינאַלער פּרינציפּ פון דער געגס.

די פראַטריע איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע געגטעס. איר אויפגאַבע איז געווען דורכצופירן געמיינזאַמע שפּילן, צו נעמען נקמה אין פאַל פון בלוט־פארגיסונג און צו אַראַנזשירן לויות.

דער שבט איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע פראַטריעס. זיין כאַראַקטער, אויפגאַבן און פונקציעס זיינען געווען די פאָלגנדע:

1. דאָס באַזיצן פון אַ טעריטאָריע און אַ ספּעציעלן נאָמען.
2. אַן אייגענעם דיאַלעקט.
3. דאָס רעכט צו באַשטעטיקן עלטסטע און קריג־פירער, דערוויילט פון די געגטעס.

---

12) התונה האָבן אין דער געגס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אין דער גאַנצער פרימיטיווער וועלט, ווייל עס וואָלט געמיינט די היירעט צווישן קינדער און עלטערן.

4. דאָס רעכט זיי אַראָפּצוזעצן אפילו געגן דעם ווילן פון די געגנטעס.

5. דאָס באַזיצן פון באַשטימטע רעליגיעזע מנהגים און ריטואַלן.

6. אַ געמיינדע־ראַט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע ענינים פון דעם גאַנצן שבט. דער ראַט איז געווען צוזאַמענגע־שטעלט פון אַלע פירער און קריג־פירער פון די געגנטעס. די זיצונגען זיינען געפירט געוואָרן עפנטלעך אין דער אַנוועזנהייט פון דעם גאַנצן שבט. יעדער איינער, מאַן צי פרוי, האָט געהאַט אַ רעכט צו נעמען אַ וואָרט אין די באַראַ־טונגען.

7. אין דער שפּיץ פון דעם שבט איז געשטאַנען אַן עלטסטער.

די טעריטאָריע איז באַשטאַנען פון אַ שטח לאַנד, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען דעם פּלאַץ, וואו די הייזער זיינען געשטאַנען, די געפּלאַנצטע גערטנער אַרום די הייזער, די באַאַקערטע פעלדער און גענוג פרייער באָדן פאַר יאַגד און פישפאַנג. אין אַנדערע ווערטער, יעדער שבט האָט געהאַט אַזוי פיל לאַנד, וויפיל ער האָט באַדאַרפט כדי צו קאָנען לעבן און וויפיל ער איז געווען בכוח צו פאַרטיידיקן. צווישן איין שבט־טעריטאָריע און דער צווייטער איז געווען אַ גרענעץ פון אומבאַאַרבעט לאַנד. די ווייטקייט פון דער גרענעץ איז געווען אָפּהענגיק פון דער פריינטשאַפט אָדער פיינטלעכקייט פון די שכנותדיקע שבטים.

די איינגנטום פאַרהעלטענישן בײַ די איראָקעזן, ניט קוקנדיק אויף זייער העכערער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, זיינען געווען אין תוך די זעלבע ווי בײַ די טאַסמאַניער און אויסטראַליער. דאָס לאַנד, דער הויפּט־קוואַל פון פרנסה, איז געווען קאָלעקטיוו איינגנטום. עס איז אויך קאָלעקטיוו באַאַרבעט געוואָרן. דאָס לאַנגע הויז, אין וועלכן עס האָבן געלעבט, ווי שוין אויבן באַמערקט, פון פינף ביז צוואַנציק פאַמיליעס, איז געווען דאָס בשותפותדיקע איינגנטום פון די, וועלכע האָבן עס געבויט און דאָרט געוואוינט. דער גאָרטן אַרום דעם הויז איז קולטיווירט געוואָרן געמיינזאַם פון אַלע איינוואוינער פון דעם הויז, און צו זיי האָבן באַלאַנגט די פּראָדוקטן. דאָס זעלבע איז אויך געווען ריכטיק בנוגע די פעלדער. די וועלדער און טייכן זיינען געווען דאָס איינגנטום פון דעם גאַנצן שבט און יעדער איינער האָט געקאָנט גיין אויף יאַגד, אָדער כאַפּן פיש, ווען און וואו ער האָט געוואָלט. די פּראָדוקטן פון יאַגד און פישפאַנג זיינען פאַרצערט געוואָרן געמיינזאַם פון דער גאַנצער גרופּע, צו וועלכער דער יעגער און פישער האָבן באַלאַנגט.

בײַ די איראָקעזן, ווי בײַ אַלע פעלקער אויף דער שטופע פון אַנטוויק־לונג, איז אויך געווען פּריוואַט איינגנטום. עס איז באַשטאַנען פון געצייג, וואָפן און צירונג, וואָס דער איינצלנער האָט אַליין פּראָדוצירט און אַליין באַנוצט. דער מאַטעריאַל, פון וועלכן די געצייג, וואָפן און צירונג

זיינען געמאַכט געוואָרן, איז, פאַרשטייט זיך, געווען דאָס אייגנטום פון אַלע. יעדער איינער האָט געקענט אָפּברעכן אַ צווייג, אַרויסגראָבן אַ שטיין, קלייבן מושלען באַם טייך, און זיך מאַכן דערפון אין זיין פרייער צייט וואָס ער האָט געוואָלט. דער פּאַרטיקער פּראָדוקט, צי עס איז געווען אַ בויגן, אַ מעסער, אַן ערדענע כלי, אָדער אַ שניר־ל קרעלן, איז געווען דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון דעם, וואָס האָט עס געמאַכט. נאָכן טויט פון דעם באַזיצער פלעגן זיינע וואָפן און צירונג באַגראָבן ווערן צוזאַמען מיט דעם קערפּער. דאָס איז גע־טאָן געוואָרן ניט דערפאַר (ווי אַ סך געלערנטע ווילן אויסטייטשן), ווייל דער אַמעריקאַנער אינדיאַנער האָט געגלויבט אין אַ לעבן אויף יענער וועלט, אין דער אומשטערבלעכקייט פון גוף אָדער נשמה, נאָר ווייל די כלים האָבן גע־הערט צו זייער באַזיצער, זיי זיינען געווען אַ טייל פון זיין פּערזענלעכקייט, און דער עיקר — קיינער האָט זיך אין זיי ניט גענויטיקט.

די אַרבעט־איינטיילונג איז געווען באַזירט אויף געשלעכט. אין אַלגעמיין האָבן צו דער אַרבעט־ספערע פון מאַן געהערט די שווערע אַרבעטן, ווי מלחמה, יאַגד, פישפאַנג, הייזער־בוי, דאָס אויסוואָרצלען פון בוימער פאַר לאַנד־קולטיווירונג א. אז. וו. צו דער אַרבעט־ספערע פון דער פרוי האָבן געהערט גאָרטן־בוי, פעלד־בוי, מאַכן ערדענע כלים, פלעכטן, מאַכן קליידער א. אז. וו.

פונקט ווי באַ די אויסטראַליער, וואו מיר געפינען פאַרברויך־קאָמוניזם פון שפּייז, ספּעציעל פון יאַגד־פּראָדוקטן, אַזוי געפינען מיר באַ די אַמערי־קאַנער אינדיאַנער אַ פאַרברויך קאָמוניזם פון ערד־פּראָדוקטן. ער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס יעדע קאָמונע, אָדער יעדע דאָרף־געמיינדע, האָט אַ ספּעציעלן רעזערוו־הויז, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט שפּייז אין צייט פון שפע און פון וועלכן אַלע מיטגלידער קאָנען געניסן אין צייט פון נויט. אין אַ ראַפּאָרט, געשריבן אין 1656, געפינט זיך די פאָלגנדע שילדערונג: „שפּי־טאָלן זיינען ניט נויטיק. עס זיינען צווישן זיי ניטאָ קיין בעטלער און קיין אָרעמע... זייער גוטהאַרציקייט, מענטשלעכקייט און פריינטשאַפט מאַכט זיי ניט נאָר פרייגיביק, נאָר פאַראורזאַכט, אַז אַלץ וואָס זיי באַזיצן זאָל זיין קאָלעקטיוו אייגנטום. אַן איינצלנער קאָן נאָר דעמאָלט ליידן הונגער, ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז אָן קאָרן.‟ 13) מיט רעכט שרייבט ענגלס: „עס איז געווען אַ וואונדערבאַרע געזעלשאַפט... אָן סאָלדאַטן, אָן זשאַנדאַרמען און פּאָליציאַנטן, אָן אָן אַריסטאָקראַטיע, קעניג, גובערנאַטאָר, פּאָליציימייסטער אָדער ריכטער, אָן טורמעס, אָן פּראָצעסן... אין איר קאָמוניסטישער איינ־אָרדנונג ווערן באַ דער גענס אָפּגעהיט די געזעלשאַפטלעכע פאַרפליכטונגען לגבי אַלטע, קראַנקע און אינוואַלידן. אַלע זיינען גלייך און פריי — אויך די

13) ציטירט באַ S. H. Stites, Economics of the Iroquois זייט 74.

פרויען. שקלאַפעריי און די אונטערדריקונג פון פרעמדע שבטים עקזיסטירן נאָך ניט.״ 14)

ג. פיצוכט

די דרום־אַפריקאַנישע פעלקער, ספּעציעל די קאַפערן און די בעטשואַנען, זיינען אַ קלאַסישער ביישפּיל פון פיציכטלער, דאָס הייסט, פון אַ געזעלשאַפט, באַ וועלכער פיצוכט איז דער הויפּט־קוואַל פון פרנסה, כאָטש זיי באַאַרבעטן אויך דעם באָדן. 15) אין געגנזאַץ צו אַ סך פון די אַמעריקאַנער אינדיאַנער, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטור־ניוואָ, און האָבן אָבער ניט געוואוסט פון מעטאַל, באַנוצט דער גרעסטער טייל פון די נעגער־פעלקער אין אַפריקע אייזערנע וואָפן, וועלכע ווערן פון זיי אַליין געמאַכט. אינדוסטריע בכלל האָט באַ די דרום־אַפריקאַנער דערגרייכט אַ הויכע שטופע: די באַאַרבעטונג פון לעדער, ערדענע כלים, האָלץ און מעטאַלורגיע איז שטאַרק אַנטוויקלט.

סאָציאַל זיינען די דרום־אַפריקאַנער פעלקער אָרגאַניזירט אין שטאַמען; דער שטאַם איז צוזאַמענגעשטעלט פון קלאַנען (שבטים); און דער קלאַן ווידער פון גרויס־משפחות. באַ דעם גרעסטן טייל ווערט קרובהשאַפט גערעכנט נאָך דעם פאָטער (מיטן אויסנאַם פון די הערערא, באַ וועמען קרובהשאַפט ווערט גערעכנט נאָך דער מוטער ווי באַ די אַמעריקאַנער איראַקעזן). אין דער שפּיץ פון שטאַם און פון קלאַן שטייען פירער, אין דער שפּיץ פון דער גרויס־משפחה שטייט דער פאָטער, אָדער דער פאַטריאַרך.

טראָץ דעם, וואָס פי איז זייער הויפּט־קוואַל פון לעבנסמיטלען זיינען די קאַפערן און בעטשואַנען ניט קיין נאָמאַדן. זיי וואוינען יאָרן לאַנג אין איין דאָרף (קראַאַל) און פאַרלאָזן אים נאָר דעמאָלט, ווען עס ברעכט אויס אַ קראַנקהייט, אָדער ווען עס פעלט אויס אין דער געגנט גענוג פאַשע פאַר די בהמות. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס זיי קולטיווירן דעם באָדן (זיי פאַרזייען הירזש, קירביסן, מעלאָנען, טאַבאַק, צוקער א. אַז. וו.) באַווייזט

14) Friedrich Engels, Der Ursprung der Familie, des Privateigenthums und des Staats, Zuerich, 1844. זייטן 58—59.

15) די עוואָלוציאָנערע אינטוויקלונג פון דער פרימיטיווער מענטשהייט אין יעגער־פיצוכט־אַגריקולטור געזעלשאַפטן איז ניט ריכטיק. ערשטנס זיינען ניט געווען (חוץ זעלטענע אויסנאַמען) קיין ריינע יעגער און פיצוכט געזעלשאַפטן, וואָס זאָלן האָבן געלעבט אויסשליסלעך פון יאַגד און פיצוכט, און צווייטנס איז פיצוכט ניט קיין פאָרבאַדינג פאַר אַקערבוי. די אַמעריקאַנער אינדיאַנער זיינען ניט געווען קיין פיציכטלער איידער זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו אַקערבוי, פשוט דערפאַר ווייל זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרהיימישט קיין חיות.

דאָס. דאַגעגן, זיינען די האטנטאטן יאָ גאַמאַדן, ווייל דאָס לאַנד אויף וועלכן זיי לעבן איז ניט גינסטיק פאַר אַקערבוי.

דאָס לאַנד איז קאָלעקטיוו אייגנטום: עס געהערט צו דעם גאַנצן שטאַם. אויב מיטגלידער פון אַ געוויסער משפחה רייניקן אָפּ אַ שטח לאַנד און פאַרזייען דאָרט גרינסן, געהערן די פּראָדוקטן צו זיי. אַזוי לאַנג ווי זיי באַאַרבעטן דעם באָדן, געהערט ער צו זיי. קיינער האָט ניט קיין רעכט זיי פון דאָרט צו פאַרטרייבן. אַזוי שנעל אָבער, ווי זיי הערן אויף צו קולטיווירן דעם באָדן און לאָזן אים איבער ניט באַאַרבעט, געהערט ער מער ניט צו זיי. דאַן האָט יעדער איינער פון דעם שטאַם אַ רעכט צו באַזעצן דאָס לאַנד און עס צו פאַרזייען. לויט דעם געזעץ עקזיסטירט בלויז דאָס נוץ־רעכט אויף לאַנד, אָבער ניט קיין אייגנטום־רעכט. דאַגעגן זיינען פי, כאַטעס, וואָפן, כלים, צירונג, פעל, א. אַז. וו., מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס איינער דערוועדבט דורך זיין אייגענער אַרבעט, זיין פּריוואַט אייגנטום, און ער קאָן טאָן דערמיט וואָס ער וויל. אָפּיציעל געהערט די פי פון דער גרויס־משפּחה צום פאָטער, צום פּאַטריאַרך פון דער משפחה. עס איז אָבער ניט זיין פּריוואַט אייגנטום; עס געהערט צו דער גאַנצער משפחה, עס איז אַ פאַמיליע־אייגנטום. ווען דער פאָטער שטאַרבט, גייט די פי איבער אין ירושה צו זיין עלטסטן זון — די גאַנצע פאַמיליע איז באַשעפטיקט אַרום די פי און צו זיי אַלע געהערט עס.

אַזוי, צום ביישפיל, באַריכטעט דער מיסיאָנער אירלע וועגן די הערערא: „לויט דעם געזעץ פון די הערערא, איז דאָס לאַנד קאָלעקטיוו אייגנטום פון דעם גאַנצן פאָלק. די הערערא זאָגן... ,דאָס לאַנד און פעלד באַלאַנגען צו אונדז, הערערא. קיינער, אַפילו ניט דער שטאַם־פאָטער, האָט אַ רעכט צו פאַרקויפן לאַנד.' לויט דעם געזעץ קאָן יעדער ווייסער (איירא־פייער) וואוינען וואו ער וויל. דאָס הויז און גאָרטן געהערן צו אים אַזוי לאַנג ווי ער וואוינט אין דעם הויז און באַאַרבעט דעם גאָרטן. ער האָט ניט קיין רעכט זיי צו פאַרקויפן. אין פאַל ווען ער שטאַרבט אָדער פאַרלאָזט דעם פּלאַץ, גייט דאָס הויז און גאָרטן צוריק איבער צו דעם שטאַם וואָס לעבט דאָרט. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער באַוועגלעך גוטס, דאָ הערט דער קאָמוניזם אויף.“ 16) אַן אַנדער פאָרשער שרייבט וועגן די קאַפערן דאָס פאָלגנדע: „דאָס גאַנצע לאַנד איז דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון דעם שבט און עס שטייט אונטער דער אויפזיכט פון דעם שטאַם־עלטסטן, וועלכער טיילט צו יעדער גרויס־משפחה אַזוי פיל לאַנד וויפיל די פרויען קאָנען קולטיווירן. לאַנד קאָן ניט פאַרקויפט ווערן, קאָן ניט איבערגיין אין ירושה, קאָן ניט פאַרטיילט ווערן אין אַ צוואה. דאָך ווייסט יעדער, אַז זיין באָדן

16) Missionar J. Irle, Die Herero. זייטן 134—136.

וועט בא אים קיינער קיינמאָל ניט אוועקנעמען אזוי לאַנג ווי ער קולטיווירט אים. דאָס ניט פאַנאַנדערגעטיילטע לאַנד, דער וואַלד, די טייכן, ווערן באַטראַכט פאַר געמיינזאַם אייגנטום. דאָרט פּאַשען זיך די פּי, פון דאָרט קאָן יעדער נעמען וואָס ער באַדאַרף. די נאַציאָנאַליזאַציע פון דעם לאַנד איז אַבסאָלוט... עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די איינגעבוירענע זיינען פול מיט דערשטוינונג, ווען זיי זעען ווי אַ מיסיאָנער בויט אַ צוים אַרום אַ שטח לאַנד, דערקלערנדיק, אַז דער באָדן איז זיין פּריוואַט אייגנטום. 'א—זאָגט דער קאַפיר—זע ווי דער ווייסער שלינגט איין דאָס לאַנד!' "17) אין אַן אַנדער בוך זאָגט דער זעלבער אויטאָר: „דער רעזולטאַט פון זייער לאַנד-געזעץ איז, אַז עס איז בא זיי ניט פאַראַן קיין נויט-ליידנדע-מענטשן, כאָטש עס הערשט עקאָנאָמישע אומגלייכהייט. יעדער קאָן צו יעדער צייט לעבן פון זיינע גאָרטן-פּראָדוקטן."18)

די אַרבעט-איינטיילונג איז אויך בא די דרום-אַפריקאַנישע פעלקער באַזירט אויף געשלעכט. צו דער אַרבעט-ספערע פון דער פרוי געהערט, צווישן אַנדערע אַרבעטן, דאָס קולטיווירן דעם באָדן און צו דעם מאַן דאָס פּאַשען די בהמות. בא אַ סך שבטים האָט אָט-די אַרבעט-איינטיילונג געפירט צו גראָטעסקע רעזולטאַטן. אזוי, צום ביישפּיל, איז דער פרוי ניט דערלויבט צו מעלקן קי, אָדער מאַכן פּוטער און קעז. פּיצוכט איז אַ מאַנסבילשע פּראָפעסיע — צום מאַן געהערט אַלץ, וואָס קומט פון דער בהמה, די פרוי טאָר זיך דערצו ניט צורירן.

לויט מאָרגאַנ'ען (זע אויך ענגעלס „די פאַמיליע") האָט זיך פּריוואַט אייגנטום אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין דער עפּאָכע פון פּיצוכט. מיט דעם אויסנאַם פון לאַנד הערשט, בא די דרום-אַפריקאַנער פּיציכטער-שבטים פּריוואַט-אייגנטום. פּריוואַט-אייגנטום עקזיסטירט ניט נאָר אינערהאַלב פון דער גרויס-משפּחה, נאָר עס איז אויך פאַראַן אינדיווידועל אייגנטום, וואָס באַשטייט אין פּי, וואַפן, געצייג און צירונג. דאָך האָט די אינסטיטוציע פון פּריוואַט אייגנטום בא די פעלקער ניט דערגרייכט צו אַזאַ שטופּע פון אַנטוויקלונג, אַז עס זאָל בא זיי עקזיסטירן הונגער און נויט. אַפילו בא די דרום-אַפריקאַנישע שבטים זיינען נאָך פאַרבליבן שפּורן פון פאַרברויך-קאָמוניזם, דאָס מיינט, דאָס רעכט פון יעדן מיטגליד פון דעם שבט צו פאַרלאַנגען און צו קריגן עסן אזוי לאַנג, ווי עס איז דאָ שפּייז אין דעם דאָרף. צו אַזאַ הויכער שטופּע פון „ציוויליזאַציע" וואָס זאָל דערלאָזן, אַז איינער זאָל הונגערן אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן שפּייז, זיינען די דרום-אַפריקאַנער נאָך ניט דערגאַנגען. עס איז שוין אויבן

17) Dudley Kidd, Kafir Socialism. זייטן 17—18.
18) Dudley Kidd, The Essential Kafir. זייט 539.

באמערקט געוואָרן, אַז דאָס לאַנד איז פריי. דאָס הייסט, אַז אפילו די, וועלכע האָבן ניט קיין פי, קאָנען קולטיווירן אַ שטיקל לאַנד און זיך שפייזן פון די פּראָדוקטן. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אַ הונגעריקער האָט דאָס רעכט אַרויסצונעמען די ערשטע בעסטע שאָף פון אַ סטאַדע, זי אָפּקאָכן און אויפעסן. אַזוי באַריכטעט דער אויבן דערמאָנטער מיסיאָנער אירלע: „בא די דרום־אַפריקאַנער שבטים איז פאַראַן אַ מערקווירדיקער געזעץ וואָס זיי רופן אָן אקוראמבעריא, דאָס הייסט, דאָס רעכט פון אַ הונגעריקן זיך צו נעמען אַ שאָף פון וועלכער עס איז סטאַדע, און זי אויפעסן. דער אייגנטימער פון דער סטאַדע האָט ניט קיין רעכט אים צו פאַרווערן, און ער טוט עס ניט." (זייט 136)

ביבליאָגראַפיע:

L. H. Morgan, Ancient Society, 1878.
D. Kidd, Kafir Socialism, 1904.
S. H. Stites, Economics of the Iroquois, 1915.
L. H. D. Buxton, Primitive Labour, 1924.
H. Cunow, Allgemeine Wirtschaftsgeschichte, 1926-1931.
R. U. Sayce, Primitive Arts and Crafts, 1933.
S. Viljoen, The Economics of Primitive Peoples, 1936.

פ. ענגעלס, די אַנטשטייאונג פון דער פאַמיליע, פון פריוואַט־אייגנטום און פון דער מלוכה, 1927.

קאַפּיטל 3

שפּראַך

א. טעאָריעס וועגן דער אַנטשטייאונג פון שפּראַך

אין סוף פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען די דאַרוויניסטישע טעאָריע פון עוואָלוציע האָט געהאַט די אויבער־האַנט אין כמעט אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פאַרזוכן צו דערקלערן די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון שפּראַך. דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ נידעריקערער חיה. און אַזוי ווי די חיות באַזיצן נית די פייאיקייט צו ריידן, איז דערפון געדרונגען, אַזוי האָבן אַ סך געלערנטע געטראַכט, אַז אויך דער אור־מענטש, ווי צום ביישפּיל, דער היידלבערגער און נעאַנדערטאַלער, איז נאָך ניט געווען בכוח צו ריידן אויף אַן ארטיקולירטער שפּראַך. אַנדערע ווידער זיינען אַרויסגעקומען מיט סברות, אַז דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט ריידן דורך דעם, וואָס ער האָט צוערשט נאָכגעמאַכט דאָס זינגען פון די פייגל, אָדער פון די נאַטור קלאַנגען, ווי דאָס רוישן פון בלעטער אין אַ וואַלד, דאָס ברומען פון ווינט א. אַז. וו. שפּראַך־פאָרשער האָבן אָנגענומען, אַז די ערשטע „ווערטער" זיינען געווען אויסגעשרייען, וועלכע האָבן אויסגעדריקט מורא, פּיין, הונגער, פרייד און דערשטוינונג. באַוויזן האָבן זיי דאָס מיט דעם, וואָס אויך חיות דריקן אויס די זעלבע געפילן דורך צישן, בילן, ברילן, מיאַוקען, זינגען א. אַז. וו. אַנדערע ווידער, האָבן גענומען דאָס מענטשלעכע קינד פאַר אַ ביישפּיל און געדרונגען דערפון, אַז פּונקט ווי דאָס קינד וואָס הויבט אָן מיט געשרייען און גייט דערנאָך איבער צו איינצלנע זילבן, ווי דאָ־דאָ, באַ־באַ, מאַ־מאַ און דערנאָך צו גאַנצע ווערטער, אַזוי האָבן אויך די ערשטע מענטשן דורכגעמאַכט דעמזעלבן פּראָצעס.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן זיינען די פּראָבלעמען פון אורשפּרונג און אַנטוויקלונג פון שפּראַך אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער טאָג־אָרדנונג. שפּראַך־פאָרשער פאַראינטערעסירן זיך ניט היינט־צו־טאָג מיט די פּראָבלעמען, ווייל — עס פעלן באַווייזן און עס איז ניטאָ אויף וואָס זיך צו שטיצן. אַלע אויבנדערמאָנטע טעאָריעס זיינען ספּעקולאַציעס. שפּראַך־פאָרשער בויען אָבער אויף פאַקטן — און פאַקטן וועגן דער אַנטשטייאונג

פון שפראך זיינען (דערווייל) ניטאָ. עס איז מעגלעך, אַז דער נעאַנדערטאַל מענטש האָט ניט גערעדט, עס איז אָבער אויך מעגלעך דאָס פאַרקערטע. מיר ווייסן ניט. עס איז אמת, אַז חיות לאָזן אַרויס קלאַנגען. אַ סך ביכער זיינען געשריבן געוואָרן וועגן דער „שפראַך" פון אונדזערע נאָענטסטע קרובים, די מאַלפּעס, אָבער מאַלפּעס ריידן ניט. בכלל קאָן מען קיין ראיה ניט ברענגען פון ברילן, מיאַוען, בילן און אַפילו פון זינגען, ווייל עמאָציאָנעלע אויסגעשרייען זיינען נאָך ניט קיין שפראַך. דאָס פאַררופן זיך אויפן מענטשלעכן קינד איז ניט אויסגעהאַלטן. אַ קינד ווערט געבוירן אין אַ סביבה פון דערוואַקסענע, וועלכע ריידן אויף אַ באַשטימטער שפראַך און עס לערנט זיך אויס, דורך נאָכמאַכן, די זעלבע שפראַך. אַרויסדרינגען דערפון דעם אורשפּרונג, און ספּעציעל די אַנטוויקלונג פון שפראַך אין אַלגעמיין, מיינט בויען אויף זאַמד.

איינס ווייסן מיר, און דאָס איז, אַז אַלע מענטשן, אַפילו די, וועלכע לעבן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך אויף דער ערד און שטייען אויף דער נידעריקסטער שטופע פון אַנטוויקלונג, באַזיצן די פייאיקייט צו ריידן, און צו באַנוצן אַ שפראַך, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַן אייגנאַרטיקן וואָרט־אוצר און גראַמאַטיק. שפראַך איז דאָס טייערסטע און ווירקזאַמסטע געצייג פונם מענטשן. אָן איר וואָלט אוממעגלעך געווען אַ סאָציאַל צוזאַמענלעבן, איינטיילונג פון אַרבעט, טעכניק, גייסטיקע קולטור, ציוויליזאַציע אין אַלגעמיין. שפּראַכלאָזע מענטשן זיינען קיין מענטשן ניט. דער מענטש איז ערשט געוואָרן אַ מענטש דורך דער פייאיקייט צו ריידן, אויסצודריקן אין אַרטיקולירטער שפראַך זיינע פאַרלאַנגען און געדאַנקען. וואָס איז שפראַך? זי איז אַ סכום קלאַנגען מיט אַ באַשטימטן קאַנווענציאָנעלן טייטש, וואָס דערמעגלעכט אַז מענטשן פון אַ געוויסער גרופּע זאָלן זיך קאָנען פאַרשטענדיקן איינער מיט דעם אַנדערן. שפראַך איז אַ סאָציאַלער פּראָדוקט און זי גייט איבער פון דור צו דור דורך קאָנטאַקט. אַ קינד וועט אָנהויבן גיין אַפילו אָן דער הילף פון זיינע עלטערן. אָבער ריידן מוז עס זיך לערנען: שפראַך גייט ניט איבער בירושה.

עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, אַז יעדע גרופּע, ווי קליין זי זאָל ניט זיין און ווי איינפאַך און פּרימיטיוו איר לעבנסשטייגער זאָל ניט זיין, באַזיצט אַ שפראַך מיט אַן אייגנאַרטיקן וואָרט־אוצר און גראַמאַטיק. דאָס זוכן איין אור־שפראַך, פון וועלכער אַלע אַנדערע שפראַכן זאָלן זיך האָבן אַנטוויקלט, האָט ניט געפירט צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. אינהאַלט (וואָרט־אוצר) און פאָרם (גראַמאַטיק) זיינען פאַרשיידן אין פאַרשיידענע שפראַכן. און כאָטש אַלע שפראַכן און דיאַלעקטן זיינען נאָך ניט גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרן, ווייסן די שפראַך־קענער גענוג אַז זיי זאָלן קענען זאָגן מיט באַשטימטקייט, אַז עס זיינען (דערווייל) ניטאָ קיין שום באַווייזן

וואָס זאָלן באַרעכטיקן די באַהויפּטונג, אַז עס האָט עקזיסטירט איין אור־שפּראַך. „אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך היסטאָריש באַווייזן איז ניטאָ קיין אורזאַך צו גלויבן, אַז די צאָל פון באַזונדערע שפּראַכן איז ווען עס איז געווען קלענער ווי זי איז איצט. פּונקט פאַרקערט. אַלע אונדזערע באַווייזן פירן צום אויספיר, אַז די צאָל ניט פאַרוואַנדטע שפּראַכן איז געווען אַ סך גרעסער אין די פריערדיקע צייטן ווי זי איז אין דער געגנוואַרט." 1) אין צפון־אַמעריקע אַליין זיינען געווען אַן ערך פופציק באַזונדערע שפּראַכן!

פון די פיל־צאָליקע שפּראַך־משפּחות זיינען אַמבעסטן באַקאַנט און שטודירט געוואָרן די סעמיטישע 2) און די אינדאָ־אייראָפּייאישע. צו דער סעמיטישער שפּראַך־משפּחה געהערן: באַבילאָניש־אַסיריש (אקקאדיש), קאַנאַנייאיש (אַריינרעכענענדיק פעניציש, און די העברייאישע דיאַלעקטן), אַראַמייאיש, אַראַביש און אַביסיניש. שפּראַך־פאָרשער באַצייכענען די אַלע שפּראַכן אַלס די סעמיטישע שפּראַך־משפּחה, ווייל אַלע ווייזן זיי אויף גרויסע ענלעכקייטן אין וואָרט־אוצר און גראַמאַטיק, ווי די פאָלגנדע ביישפּילן באַווייזן: 3)

	אקקאדיש	העברייאיש	אַראַמייאיש	דרום־אַראַביש און אַביסיניש	צפון־אַראַביש
„פאָטער"	אבו	אָוו	אבא	אב	אבו(ן)
„מוטער"	אוממו	איים	עממא	עמם	אוממו(ן)
„ברודער"	אכו	אָך	אכא	עך	אכו(ן)
„האַרץ"	ליבבו	לייוו	לעבבא	לעבב	לובבו(ן)
„צונג"	לישאנו	לאשאָן	לעששאנא	לעסאן	ליסאנו(ן)
„צאָן"	שיננו	שיין	שעננא	סענן	סיננו(ן)
„הונט"	קאלבו	קעלעוו	קאלבא	קאלב	קאלבו(ן)
„בליץ"	בערקו	באראק	בארקא	מאבראק	בירקו(ן)

דעריבער האַלטן די געלערנטע, אַז אַלע סעמיטישע שפּראַכן האָבן זיך אַנטוויקלט פון איין אור־שפּראַך. וואו אָבער עס האָבן געלעבט די אור־עלטערן פון די סעמיטיש ריידנדיקע גרופּעס, דאָס הייסט, וואו עס איז געווען דער צענטער פון וואַנען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די סעמיטישע שפּראַכן, ווייסן מיר ניט. צו דער אינדאָ־אייראָפּייאישער שפּראַך־משפּחה

(1 F. Boas, The Mind of Primitive Man. זייט 936.

2) פון דעם ביבלישן נאָמען שם, נחס עלטסטער זון; (בראשית 1:10).

3) זע די אַרבעטן פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם סאָוועטישן געלערנטן אַקאַדעמיקער נ. מארר, וועלכער וואַרפט אָפּ די איינטיילונג און שטעלט אויף אַ נייע טעאָריע, די אַזוי גערופענע „יאפעטישע טעאָריע", וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון שפּראַך.

נעהערן: 4) כיטיש, ווערדיש, סאנסקריט, פערסיש, ארמעניש, גריכיש, די לאַטייניש שפּראַך־גרופּע (לאַטייניש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, רומעניש), צעלטישע שפּראַך־גרופּע (צעלטיש, אירלענדיש, וועלש, ברעטאניש), גערמאַנישע שפּראַך־גרופּע (גאטיש, נאָרוועגיש, שוועדיש, דעניש, דייטש, פלעמיש, סאַקסאַניש, ענגליש און נאָך), באַלטישע שפּראַך־גרופּע (אַלט־פּרייסיש, לעטיש, ליטוויש), און סלאַווישע שפּראַך־גרופּע (סלאָווענעניש, סערביש, בולגאַריש, טשעכיש, סלאָוואַקיש, פּויליש, רוסיש, ווייס־רוסיש, רוטעניש. 5)

כאָטש די ענלעכקייטן צווישן די אינדאָ־אייראָפּייאישע שפּראַכן זיינען ניט אַזעלכע נאָענטע ווי די צווישן די סעמיטישע שפּראַכן, איז דאָך קלאָר, אַז די אינדאָ־אייראָפּייאישע שפּראַכן האָבן זיך אַנטוויקלט פון איין אור־שפּראַך, און די פילאָלאָגן זיינען באַרעכטיקט צו גרופּירן זיי אין איין גרויסער ווייט־פאַרצווייגטער משפּחה. דער עיקר אָבער איז, וואָס כאָטש ביידע גרויסע שפּראַך־משפּחות (סעמיטיש און אינדאָ־אייראָפּייאיש) ווערן גערעדט פון דער אַזוי־גערופענער ווייסער ראַסע, וואָס וואוינט אין איין קאָמפּאַקט־געאָגראַפישן צענטער, איז ניטאָ קיין שום ענלעכקייט צווישן זיי, ניט אין וואָרט־אוצר און ניט אין גראַמאַטיק. אַלע פאַרזוכן צו געפינען אַ געמיינזאַמע אור־שפּראַך, פון וועלכער סיי סעמיטיש און סיי אינדאָ־אייראָפּייאיש זאָלן זיך האָבן געהאַט אַנטוויקלט, זיינען ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן אָן דערפאָלג! און אויב עס איז אוממעגלעך צו געפינען עפּעס בשותּפותדיקעס צווישן אָט־די צוויי שפּראַך־משפּחות, איז דער פאַרזוך צו געפינען די אור־שפּראַך פון אַלע מענטשן ניט מער ווי אַ חלום.

ב. שפּראַך און קולטור

עס איז ניט אַזוי ווי מען רעדט ווי וואָס מען רעדט. ניט די פאָרם נאָר דער אינהאַלט איז דער עיקר. די איינטיילונג פון שפּראַכן אין איזאָלירטע, 6) אַגלוטינאַטיווע, 7) און אינפלעקסיווע 8) טראָגט בלויז אַ קלאַסיפיקאַטאָרישן כאַראַקטער. אַזאַ איינטיילונג איז נויטיק ווייל זי העלפט

4) די אינדאָ־אייראָפּייאישע שפּראַכן ווערן אויך אָנגערופן אינדאָ־גערמאַנישע אָדער אַרישע שפּראַכן. דאָס וואָרט אַריש (אריא) מיינט אין סאַנסקריט „איידל" און אויף דעם נאָמען האָט זיך גערופן אַ שבט אין איראַן (פערסיע), וואָס האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן גערעדט אויף דער שפּראַך פון וועלכער אַלע אַנדערע אינדאָ־אייראָפּייאישע שפּראַכן האָבן זיך אַנטוויקלט.

5) אַ דריטע שפּראַך־משפּחה וואָס ווערט גערעדט אין אייראָפּע איז די פיניש־אוגרישע. צו איר געהערן לאַפּיש, פיניש, עסטאָניש, אונגאַריש, טערקיש און נאָך.

6) אַן איזאָלירטע שפּראַך דריקט אויס באַציאונגען און גראַמאַטישע פאָרמען דורך באַזונדערע ווערטער, אָדער איזאָלירטע פּאַרטיקלען. למשל, האַרץ פון מענטש

דעם שפּראַך־פאַרשער זיך שנעלער אָריענטירן און מאַכט לייכטער זיין אַרבעט. דרינגען דערפון, אַז די דריי פאַרמען שטעלן מיט זיך פאָר אַן עוואָלוציאָנערן פּראָצעס אין וועלכן די איזאָלירטע שפּראַכן שטייען אויף דער נידעריקסטער און די אינפלעקסיווע שפּראַכן אויף דער העכסטער שטופע פון אַנטוויקלונג איז ניט ריכטיק. כינעזיש איז אַן איזאָלירטע שפּראַך און סומעריש איז אַן אַגלוטינאַטיווע שפּראַך, און אין ביידע זיינען געשאַפן געוואָרן גרויסע און אינהאַלטרייכע קולטורן. אחוץ דעם איז די דריי־איינ־טיילונג ניט שטרענג אויסגעהאַלטן, ווייל כמעט יעדע שפּראַך פאַרמאָגט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אַלע דריי פאַרמען. די גערמאַנישע שפּראַך־גרופּע געהערט צו דער אינפלעקסיווער גרופּע, דאָך האָבן דייטש און ספּעציעל ענגליש, אַ סך איזאָלירטע און אַגלוטינאַטיווע עלעמענטן. שפּראַך איז אַ פאַרקער־מיטל. זי טראַנספּאָרטירט געדאַנקען פון איין מענטשן צום צווייטן. צי די וואַגאָנעס זיינען געפּאַרבט אין בלוי, געל, אָדער רויט, דאָס הייסט צי די געדאַנקען ווערן אויסגעדריקט אויף אַן איזאָלירטן, אַגלוטי־נאַטיוון, אָדער אינפלעקסיוון אופן איז ניט וויכטיק: דער געדאַנק בלייבט דער זעלבער אין וואָס פאַר אַ פאָרם ער זאָל ניט געזאָגט ווערן.

שפּראַך איז אַ געצייג. זי שפּיגלט אָפּ דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן ניוואָ פון דער געגעבענער געזעלשאַפט וואָס באַנוצט זי. ווערטער ווי עלעקטריע, טעלעפאָן, עראָפּלאַן, זיינען ניט פאַראַן אין די שפּראַכן פון פּרימיטיווע פעלקער, פשוט דערפאַר, ווייל די דערפינדונגען זיינען דאָרט ניט פאַראַן. (אין דער אמתן האָבן די ווערטער אויך ניט די שפּראַכן פון מאָדערנע פעלקער; זיי זיינען פאָרמאַציעס פון אַלטע גריכישע וואָרט־יסודות, וואָס דריקן אויס ניי־געשאַפענע קולטור־ווערטן.) פאַרקערט ווידער, האָבן די פּרימיטיווע פעלקער פיל־צאָליקע נעמען פאַר זאַכן, וועלכע מיר באַצייכענען בלויז מיט איין אָדער מיט צוויי ווערטער. אַזוי, צום ביי־שפּיל, האָבן די עסקימאָס איין אויסדרוק פאַר „שניי אויף דער ערד", אַ צווייטן פאַר „פאַלנדיקן שניי", אַ דריטן פאַר „שניי־שטורם"; איין וואָרט פאַר „ים־הונט" און ספּעציעלע ווערטער פאַר „אַ ים־הונט וואָס באָקט זיך

איז איזאָלירט. יעדעס וואָרט שטייט פאַר זיך אַליין; דאַגעגן מענטשנ׳ס האָרץ איז אינפלעקסיוו, ווייל דער „נס" אַליין מיינט גאָר ניט.

7) אַן אַגלוטינאַטיווע שפּראַך קלעפּט צוזאַמען אַ רייע עלעמענטן, וואָס יעדער האָט אַ באַשטימטן טייטש, אין איין פעסט וואָרט. למשל, אונטערנעמען (אונטער נעמען), צופרידנשטעלן (צופרידן שטעלן).

8) אַן אינפלעקסיווע שפּראַך דריקט אויס באַציאונגען און גראַמאַטישע פאָרמען דורך צוגעבן פּרעפיקסן, וואָס ווען זיי שטייען אַליין מיינען זיי גאָרנישט, אָדער דורך ענדערן די וואָקאַלן אין אַ וואָרט. למשל, ברודער, ברידער, שרייבן, געשריבן, זינגען, געזונגען.

אויף דער זון", „א ים־הונט שווימענדיק אויף א שטיק אייז", און א צאל אנדערע נעמען וואס דריקן אויס דעם עלטער און געשלעכט פון דעם ים־הונט. אנדערע ווידער האבן צוויי נעמען פאר פעל — איינעם פאר גלאטער און איינעם פאר האריקער. די שבטים פון ניי־דרום־וועלס האבן אכט באזונדערע נעמען פאר פיילן. יעדע פארם האט א באזונדערן נאמען, ווייל זי ווערט גענוצט פאר א באזונדערן צוועק. שפראך איז א געצייג. פילגעשטאלטיקייט פון א געוויסן געצייג באווייזט זיין צאלרייכן געברויך. ווערטער ווערן געשאפן ניט פאר זייער קלאנגען־הארמאניע, און ניט צוליבן ווארט־שפיל, נאר כדי אויסצודריקן באשטימטע באדערפענישן. די איינוואוינער פון בריטיש־צענטראל־אפריקע האבן פארשיידענע נעמען פאר אלע מינים ווערמלעך. כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס בשעת די ווערעמלעך, וועלכע ווערן באנוצט פאר שפייז ווערן זייער גענוי אונטערשיידט דורך באזונדערע נעמען, ווערן יענע, וועלכע טויגן ניט פאר שפייז, גרופירט אונטער א פאר אלגעמיינע נעמען. די לאפן האבן פארשיידענע נעמען פאר הירשן, צוואנציק ווערטער פאר אייז, איין־און־פערציק פאר קעלט, זעקס־און־צוואנציק פאר געפרוירן ווערן א. אז. וו. אין גרופעס וואו עס הערשט דער פרימיטיווער קאמוניזם פעלן אזעלכע ווערטער ווי „מיין לאנד", „דיין לאדקע", אדער „מיין הויז", אבער עס זיינען פאראן ווערטער וואס דריקן אויס די באגריפן „אונדזער לאנד", „אונדזער לאדקע" און „אונדזער הויז". דער מערצאל „מיר" איז עלטער ווי דער איינצאל „איך"; דער קאלעקטיווער באגריף „אונדזער לאנד" איז עלטער ווי דער אינדיווידועלער אויסדרוק „מיין לאנד". 9) דאס איז ריכטיק אויך בנוגע סאציאלע פארהעלטענישן. דארט וואו מאנאגאמיע ווערט ניט פראקטיצירט זיינען טערמינען ווי „מיין טאטע", „מיין מאמע" ,אדער „מיין קינד" אומבאקאנט, זיי פעלן אין דעם ווארט־אוצר. פארקערט ווידער זיינען פאראן א וועלט מיט אויסדרוקן פאר אלע גראדן און שאטירונגען פון בלוט־קרובים, וועלכע מיר דריקן אויס בלויז אין א פאר ווערטער.

עס זיינען ניט פאראן קיין אבסאלוט ארעמע אדער אבסאלוט רייכע שפראכן. די מעשהלעך וואס ווערן דערציילט וועגן א סך פרימיטיווע פעל־קער, אז זייער שפראך איז אזוי ארעם, אז זיי מוזן באנוצן מימיק און קערפער־באוועגונגען כדי קלאר צו מאכן זייערע געדאנקען און דערפאר קאנען זיי זיך ניט צונויפריידן אין דער פינצטער, זיינען אויסגעזויגן פון

---

9) א זייער גענויע און גלענצנדע אפהאנדלונג וועגן דער אנטוויקלונג פון גראַ־מאטישע פארמען באזירט אויף עקאנאמישער און סאציאלער אנטוויקלונג אין די אמעריקאנישע שפראכן, געפינט זיך אין E. J. Payne, History of the New World Called America, Vol. 2, 1899.

פינגער און זיינען ניט באַזירט אויף קיין פאַקטן. יעדע שפּראַך (ווי אָרעם איר וואָרט־אוצר זאָל ניט זיין פון אונדזער שטאַנדפּונקט) איז גענוג רייך אויסצודריקן אין דער פולער מאָס אַלע באַדערפעניש פון דער גרופּע מענטשן, וועלכע רײדן אויף איר. עס איז אמת, אַז פּרימיטיווע שפּראַכן ווייזן אויף אַ מאַנגל אין אַבסטראַקטע טערמינען. די טאַסמאַניער, צום ביישפּיל, האָבן געהאַט אַ וואָרט פאַר גומע־בוים, אָבער ניט פאַר בוים אין אַלגעמיין; די געזעלשאַפט אינדזולאַנער פאַרמאָגן באַזונדערע ווערטער פאַר הונט־ווײדל, פויגל־ווײדל, שאָף־ווײדל, אָבער ניט קיין וואָרט פאַרן באַגריף ווײדל גופא; די עסקימאָס האָבן פאַרשיידענע אויסדרוקן פאַר וואַלפיש, אָבער קיין וואָרט פאַר סתם פיש. דאָס אָבער מיינט לחלוטין ניט, אַז די אויבנדערמאָנטע מענטשן־גרופּעס קאָנען ניט קלאָר און דײַטלעך אויסדריקן זייערע געדאַנקען און געפילן. „אַ פּרימיטיווער מענטש ווען ער שמועסט זיך דורך מיט זיין פריינט, דיסקוטירט ער געוויינלעך ניט קיין אַבסטראַקטע אידייען. זיינע אינטערעסן קאָנצענטרירן זיך אַרום די קאָנ־קרעטע באַשעפטיקונגען פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן; און ווען פילאָזאָפישע פּראָבלעמען ווערן אָנגערירט, דערשיינען זיי אין באַצוג צו באַשטימטע פּערזאָנען... אַן אַמעריקאַנער אינדיאַנער וועט ניט רײדן וועגן גוטסקייט סתם, נאָר וועגן דער גוטסקייט פון אַ באַשטימטן אינדיווידואום; ער וועט ניט רײדן וועגן אַ צושטאַנד פון גליקזעליקייט סיידן אין פאַרבינדונג מיט דעם מענטשן, וועלכער געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד; ער וועט ניט רײדן וועגן דעם זע־אָרגאַן אין אַלגעמיין און ניט באַצייכענען דעם מענטשן וואָס באַנוצט דעם אָרגאַן צו זען.״ 10) ער האָט ניט קיין וואָרט פאַר אויג סתם, ער מוז דעפינירן וואָס פאַר אַן אויג ער מיינט, אַ מענטשנס אויג, זיין אויג, אַ חיהאיש אויג א. אַז. וו. דאָס וואָס עס פעלן אַבסטראַקטע טערמינען באַווייזט נאָר, אַז אויף אַ באַשטימטער שטופע פון אַנטוויקלונג קאָן מען זיך באַגיין אָן זיי, אַז זיינען ניט אומבאַדינגט נויטיק.

דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק בנוגע די צאָל־סיסטעמען. פאַראַן שבטים וואָס קאָנען ציילן בלויז ביז 4, אָדער 5. דערפון איז אָבער בשום אופן ניט צו דרינגען, אַז זיי קאָנען ניט ציילן מער. זיי אָבער דריקן אויס די העכערע צאָלן, ניט ווי מיר, אין ציפערן, נאָר אין ווערטער. אַזוי, למשל, געברויכן די מעלאַנעזיער „אַ בורקו ניו״ פאַר צוויי קאָקאָ ניס, „אַ בורו״ פאַר צען קאַקאָ ניס און „אַ קאַרא״ פאַר אַ הונדערט קאַקאָ ניס. און אפילו אין יענע שפּראַכן, וואו די ציפערן דערגרייכן ניט מער ווי ביז 2 אָדער 3, הייסט דאָס ניט, אַז ווען נויטיק, וועלן זיך ניט געפינען קיין מעגלעכ־קייטן אין די ראַמען פון דער שפּראַך אויסצודריקן העכערע צאָלן. „ווי עס

10) זייטן 149—150. F. Boas, The Mind of Primitive Man.

איז באַקאַנט עקזיסטירן אַ סך שפּראַכן אין וועלכע ציפֿערן שטייגן ניט איבער 2 אָדער 3. דערפֿון האָט מען געזוכט צו דרינגען, אַז די פֿעלקער, וועלכע ריידן אויף די שפּראַכן זיינען אומפּיאיק צו פֿאָרמירן דעם באַגריף פֿון העכערע צאָלן. לויט מיין מיינונג, איז די אינטערפּרעטאַציע אינגאַנצן פֿאַלש. פֿעלקער ווי די אַמעריקאַנער דרום־אינדיאַנער, וועלכע קאָנען ניט מער ציילן ווי ביז 3, אָדער ווי די עסקימאָס, וועמענס אַלטע סיסטעם פֿון צאָלן האָט דערגרייכט ביז 10, נויטיקן זיך וואַרשיינלעך ניט אין העכערע צאָלן, ווייל עס זיינען ניט פֿאַראַן גענוג זאַכן וואָס דאַרפֿן געציילט ווערן. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, אַזוי שנעל ווי די זעלבע פֿעלקער קומען אין באַרירונג מיט דער ציוויליזאַציע, און ווען זיי נעמען איבער סטאַנדאַרטן פֿון נייע קולטור־ווערטן, וואָס דאַרפֿן געציילט ווערן, נעמען זיי זייער לייכט איבער העכערע צאָלן פֿון אַנדערע שפּראַכן און אַנטוויקלען, מער אָדער ווייניקער, אַ פֿולשטענדיקע סיסטעם פֿון ציילונג... מען מוז האָבן אין זינען, אַז ציילונג ווערט ערשט דעמאָלט אַ נויטווענדיקייט ווען זאַכן ווערן אַזוי פֿאַראַלגעמיינערט, אַז זיי פֿאַרלירן אינגאַנצן זייער אינדיווידואַליטעט. עס איז זייער מעגלעך, אַז אַ מענטש וואָס פֿאַרמאָגט אַ גאַנצע סטאַדע בהמות, זאָל קענען יעדע בהמה בלויז באַם נאָמען, אָדער באַ אירע כאַראַקטער־שטריכן, אָן ווען־עס־איז צו האָבן דעם מינדעסטן חשק זיי צו ציילן... אין קורצן, עס איז ניטאָ קיין שום באַוויז, אַז דאָס ניט קאָנען זיך באַנוצן מיט העכערע צאָלן איז אויף וועלכן עס איז אופֿן פֿאַרבונדן מיט דער אומפּייאיקייט צו פֿאָרמירן קאָנצעפּציעס פֿון העכערע צאָלן ווען נויטיק." [11]

ווען נייע פֿאַרהעלטענישן קומען אויף אויפֿן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן געביט, ווערן אין דער זעלבער צייט געשאַפֿן נייע ווערטער, נייע טערמינען, אויסצודריקן די ניי־געשאַפֿענע לאַגע. יעדע שפּראַך האָט די איינגעבוירענע, אָדער פּאָטענציעלע מעגלעכקייט אויסצוברייטערן, פֿאַרגרעסערן און באַרייכערן איר וואָרט־אוצר. צוערשט מוז זיין דער געגנשטאַנד, דערנאָך געפֿינט מען שוין פֿאַר אים אַ נאָמען. אַ פּאָר ביישפּילן פֿון דער מאָדערנער צייט וועלן דאָס קלאָר באַווייזן. אַלס אַ פּראָדוקט פֿון דער לעצטער וועלט־מלחמה זיינען אַנטשטאַנען נייע נאַציאָנאַלע שטאַטן, ווי ליטע, לאַטוויע, עסטלאַנד אַרום די גרענעצן פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און צענדליקער אויטאָנאָמע געביטן אין די ראַמען פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די ניי־געשאַפֿענע לאַגע האָט געפֿאָדערט אַ טערמינאָלאָגיע פֿאַר אַדמיניסטראַטיווע, יורידישע, מיליטערישע און פּאָליטישע פֿונקציעס, וועלכע האָבן פֿריער ניט עקזיסטירט. די טערמינען זיינען געשאַפֿן געוואָרן טיילווייז דורך אויסברייטערן שוין פֿאַראַנענע אויסדרוקן, טיילווייז דורך

11) דער זעלבער, זייט 153.

ווידעראויפֿלעבן אַלט־פּאַרגעסענע וואָרט־יסודות און טײלווייז דורך באַרגן טערמינען בײַ שכנישע פֿעלקער. דער פּונקט וועט נאָך קלאָרער ווען מען נעמט אין באַטראַכט די אַנטוויקלונג פֿון אידיש און העברייאיש אין די לעצטע יאָרן. די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט געשאַפֿן אידישע אויטאָנאָמע געגנטן אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מיט אַן אייגענעם אַדמיניסטראַטיוון, יורידישן און קולטורעלן אַפּאַראַט. די נײַע פֿונקציעס האָבן געמוזט באַצייכנט ווערן אין אידיש, אָבער דער אידיש פֿון „תחום־המושב", פֿון דער געטאָ, האָט אַזעלכע ווערטער ניט פֿאַרמאָגט, ווײַל ער האָט זיי ניט באַדאַרפֿט. באַלד אָבער, ווי די סיטואַציע האָט זיך געענדערט, און עס איז געוואָרן נויטיק צו „געבן נעמען" האָט דער זשעניע פֿון דער שפּראַך זיי געשאַפֿן. ביז נאָך דער מלחמה איז העברייאיש געווען בלויז אַ ליטעראַרישע שפּראַך. זי האָט אויסגעדריקט געדאַנקען און געשילדערט סיטואַציעס אין אַ מומי־פֿיצירטער שפּראַך ווי עס האָט געטאָן לאַטײַניש אין מיטלאַלטער. מיט דער אויפֿלעבונג פֿון דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע איז די נעבטיקע תנ"ך־משנה שפּראַך געוואָרן אַ לעבעדיקע, אינהאַלטרײַכע שפּראַך, וועלכע געפֿינט אויסדרוקן פֿאַר אַלץ וואָס דאַרף אויסגעדריקט און באַצייכנט ווערן.

דער וואָרט־אוצר פֿון אַ געגעבענער שפּראַך (ניט די גראַמאַטיק), שפּיגלט אָפּ דעם קולטור־ניוואָ פֿון יענער גרופּע מענטשן, וועלכע ריידן אויף איר. וואָס רײַכער דאָס לעבן אַלץ פֿילפֿאַרביקער איז די שפּראַך — דאָס מיטל דורך וועלכן דאָס לעבן קומט צום אויסדרוק. קולטור קאָן אויסגעדריקט ווערן אין יעדער שפּראַך. די אונגאַרן און פֿינען קאָנען דינען אַלס אַ קלאַסישער בײַשפּיל פֿון דער אומאָפּהענגיקייט צווישן שפּראַך און קולטור. בײדע פֿעלקער ריידן אויף מאָנגאָלישע דיאַלעקטן, מאָנגאָליש אין אינהאַלט און פֿאָרם. דאָס אָבער האָט זיי ניט געשטערט צו ווערן חשובע טײלן פֿון דער אַלגעמיינער אייראָפּייאישער קולטור, און צו שאַפֿן אין איר נײַע קולטור־ווערטן. די אונגאַרישע און פֿינישע קולטורן שטייען אויף דער זעלבער מדרגה ווי די קולטור פֿון זייערע שכנים, טראָץ דעם וואָס זיי ריידן אויף שפּראַכן, וואָס געהערן צו דער פֿיניש־אוגרישער משפּחה.

ג. שפּראַך און ראַסע

סער וויליאַם דזשאָונס, אַן ענגלישער געלערנטער, וועלכער איז אין סוף פֿונעם אַכצנטן יאָרהונדערט געווען אַ ריכטער אין קאַלקוטאַ, אינדיע, האָט דער ערשטער באַנוצט דאָס וואָרט, אַריאַ, אַלס אַ שפּראַך טערמין. דאָס וואָרט איז גענומען פֿון סאַנסקריט, עס מיינט איידל, און דזשאָונס האָט עס באַנוצט צו באַצייכענען אַ צאָל אינדישע שפּראַכן. שפּעטער איז דאָס וואָרט אויסגעברייטערט געוואָרן אויף דער גאַנצער אינדאָ־אייראָפּייאישער

שפּראַך־משפּחה און אַזוי איז אַנטשטאַנען דער טערמין „אַרישע שפּראַכן". דאָס הייסט, אַ באַצייכענונג פאַר אַ צאָל שפּראַכן, וואָס זיינען ענלעך אין אינהאַלט און פאָרם ווי, אַ שטייגער, די סעמיטישע שפּראַך־משפּחה. דער ערשטער וואָס איז באַגאַנגען דעם גרויסן וויסנשאַפטלעכן חטא צו באַנוצן דעם טערמין „אַריש" אין באַצוג צו ראַסע איז געווען דער דייטשער פּראָפעסאָר מאַקס מילער, לערער פון שפּראַך אין אָקספאָרד, ענגלאַנד. ער האָט געמאַכט דעם גרויסן טעות צו אידענטיפיצירן פעלקער וואָס ריידן אויף אַרישע שפּראַך מיט אַ פיקטיווער אַרישער ראַסע, און זיי דערקלערט ניט נאָר אַלס פעלקער וואָס ריידן אויף אַן „אַיידעלער" שפּראַך, נאָר אַלס מיטגלידער פון אַן „אַיידעלער" ראַסע. דער טעות פון אַ באַרימטן פילאָלאָג איז גלייך אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַ סך דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע געלערנטע און פּאָפּולאַריזאַטאָרס און דער טערמין „אַרישע ראַסע" (צו וועלכער עס באַלאַנגען אַלע די וועלכע ריידן אויף אַרישע שפּראַכן) האָט זיך איינגעבירגערט סיי אין דער וויסנשאַפט און סיי אין דער פאָלקס שפּראַך. יאָרן שפּעטער האָט מילער איינגעזען דעם טעות. אין 1888 האָט ער געשריבן: „אין מיינע אויגן באַגייט אַן עטנאָלאָג, וואָס רעדט וועגן ,אַרישער ראַסע, ,אַריש בלוט', ,אַרישע אויגן און נאָז', פּונקט אַזאַ גרויסע זינד, ווי אַ שפּראַך־פאָרשער, וואָס רעדט פון אַ לאַנגקעפּיקן ווערטערבוך, אָדער אַ רונדקעפּיקער גראַמאַטיק. עס איז ערגער ווי די באַביליאָנישע פאַרווירונג — יע, עס איז אַ ליגן. ווען איך רעד פון אַריער, מיין איך ניט קיין בלוט, ניט קיין ביינער, ניט קיין האָר, אָדער שאַרבן. איך מיין בלויז די, וואָס ריידן אויף אַרישע שפּראַכן." עס איז אָבער געווען צו שפּעט דער שטיין איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער...

די אויפפאַסונג, אַז שפּראַך איז אידענטיש מיט ראַסע, איז אַ פּאָפּולערע אילוזיע. אין דער אמתן האָבן די צוויי אַ קנאַפּע שייכות צווישן זיך. עס איז זייער מעגלעך (כאָטש עס לאָזט זיך ניט באַווייזן), אַז ערגעץ־וואו, אין דער גרויער פאַרגאַנגענהייט, האָט אַ ראַסן־ריינע גרופּע גערעדט אויף אַ סעמיטישער שפּראַך. און ווען די גרופּע האָט זיך פאַרמערט, און איז אַזוי אַרום געצוואונגען געוואָרן צוליב עקאָנאָמישע טעמים, צו פאַרלאָזן איר געבורטאָרט און אויסוואַנדערן אין שכנישע געביטן, האָט זי מיט זיך מיטגענומען די אור־שפּראַך פון וועלכער עס האָבן זיך אין משך פון דורות אויסגעבילדעט די פאַרשיידענע סעמיטישע דיאַלעקטן. דאָס זעלבע איז געוויס געשען מיט די אור־אינדאָ־אייראָפּייאישע, אָדער אַרישע שפּראַכן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז אַלע, וועלכע ריידן היינט, אָדער האָבן גערעדט אין דער פאַרגאַנגענהייט, אויף אינדאָ־אייראָפּייאיש, באַלאַנגען צו איין ראַסע, די וואָס ריידן אויף סעמיטיש, באַלאַנגען צו איין ראַסע א. אַז. וו. ראַסע איז אַ פּראָדוקט פון געאָגראַפיש־קלימאַטישע באַדינגונגען און פון ירושה; שפּראַך

איז אַ פּראָדוקט פון דער קולטורעלער אומגעבונג. אַ קינד ווערט געבוירן מיט בלויע אָדער מיט שווארצע אויגן, מיט דינע אָדער מיט פולע ליפּן, מיט אַ ווייסער אָדער מיט אַ שווארצער הויט. קיינער ווערט אָבער ניט געבוירן מיט אַ שפּראַך. אַ שפּראַך לערנט מען זיך אויס. אַן אַמעריקאַנער ווייס קינד וועט רײדן כינעזיש, כינעזיש וועט זיין זיין מוטער־שפּראַך, אויב עס וועט דערצויגן ווערן אין כינע; אַ כינעזיש קינד וועט רײדן ענגליש, ענגליש וועט זיין זיין מוטער־שפּראַך, אויב עס וועט דערצויגן ווערן אין אַמעריקע.

פּראָפעסאָר באָאז האָט זייער טרעפלעך באַמערקט, אַז אין דער מענטש-לעכער געזעלשאַפט קאָן מען באַאָבאַכטן צוויי דערשיינונגען: 1) ענדערונג פון שפּראַך און קולטור אָן אַ פּאַראַלעלער ענדערונג פון פיזישע כאַראַקטער־שטריכן, און 2) ענדערונג פון פיזישע כאַראַקטער־שטריכן אָן אַ פּאַראַלעלער ענדערונג פון שפּראַך. אין דער העלעניסטישער פּעריאָדע זיינען סיריע, פּאַלעסטינע און עגיפּטן געוואָרן העלעניזירט. די העברעע קלאַסן אין יענע לענדער האָבן גערעדט און געשריבן גריכיש און אויך איבערגענומען, מער אָדער ווייניקער, די גריכישע קולטור. אין דער גלאַנץ־עפּאָכע פון דער רוימישער אימפּעריע איז לאַטייניש געווען די שפּראַך פון דער ציוויליזירטער וועלט און רוימישע לעגיאָנערן האָבן זי געטראָגן און פאַרשפּרייט אין מערב און אין צענטראַל אייראָפּע. די אַראַבער אין מיטלאַלטער האָבן פאַרשפּרייט זייער שפּראַך און קולטור אין גרויסע טיילן פון אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע. ראַסיש זיינען אָבער די אויבנדערמאָנטע פעלקער געבליבן די זעלבע ווי פריער, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן אין דער העלעניסטישער פּעריאָדע גערעדט גריכיש, אין דער רוימישער פּעריאָדע לאַטייניש און אין דער אַראַבישער פּעריאָדע אַראַביש. די נעגער אין צפון־אַמעריקע רײדן ענגליש, ענגליש איז זייער מוטער־שפּראַך, די אַמעריקאַנער קולטור איז זייער קולטור. זיי זיינען אין אַ סך הינזיכטן מער אַמעריקאַניש ווי די „אמתע" אַמעריקאַנער. אין צענטראַל־און דרום־אַמעריקע רײדן זיי שפּאַניש, אין עגיפּטן און פּאַלעסטינע אַראַביש; ביאָלאָגיש אָבער זיינען זיי געבליבן די זעלבע ווי זיי זיינען געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין אַפריקע. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן אויך בנוגע אידן און אידיש. די פינען אונטערשיידן זיך קערפּערלעך זייער ווייניק פון זייערע שכנים די שוועדן און צפון־דייטשן. זיי האָבן אַ בלאָס־ווייסע הויט, בלויע אויגן און געלע האָר, זייער קולטור איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אייראָפּייאישער קולטור — דאָך רײדן זיי אויף אַ מאָנגאָלישער שפּראַך, מאָנגאָליש אין פאָרם און אינהאַלט. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן בנוגע די אונגאַרן, וועלכע אונטערשיידן זיך זייער ווייניק פון זייערע מיטל־אייראָפּייאישע שכנים, און דאָך רײדן זיי אויף אַ מאָנגאָלישער שפּראַך, ווי די טערקן,

וועלכע אונטערשיידן זיך זייער ווייניק פון זייערע קליין־אזיאַטישע שכנים. פאַרקערט ווידער, ריידן די בולגאַרן, אַן אורשפּרינגלעכער פיניש־אַלטאַישער שטאַם, אויף אַ סלאַווישער שפּראַך! די היינטיקע פּערסער ריידן אויף אַן אַרישער שפּראַך. ראַסיש, באַשטייט די באַפעלקערונג פון איראַנער, טערקן, מאָנגאָלן, סעמיטן, אַרמענער: אַ פאָלק אַ געמישט, אָבער די שפּראַך איז איינהייטלעך.

מיר זעען דעריבער, אַז שפּראַך האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט ראַסע. עס איז ניטאָ קיין „אַרישע ראַסע" נאָר אַרישע שפּראַכן; עס איז ניטאָ קיין „סעמיטישע ראַסע" נאָר סעמיטישע שפּראַכן א. אַז. וו. פאַרבינדן די בײדע, אידענטיפיצירן שפּראַך מיט ראַסע איז, צו באַנוצן מאַקס מילערס אויסדרוק, אַ בייזוויליקער ליגן. די אַמעריקאַנער אינדיאַנער ריידן אויף שפּראַכן וואָס געהערן פילאָלאָגיש צו אַן ערך הונדערט־און־פופציק שפּראַך־פאַמיליעס, אָבער עס וועט קיינעם ניט איינפאַלן זיי צו גרופּירן אין הונדערט־און־פופציק ראַסן!

דער פאַקט וואָס אַ פרעמדע שפּראַך קאָן לייכט געלערנט ווערן, ספּעציעל אין דער יוגנט, און דאָס וואָס איינצלנע, וועלכע אימיגרירן אין אַ פרעמד לאַנד לעבן זיך איין מיט דער נייער שפּראַך צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי פאַרגעסן זייער מוטער־שפּראַך, אָדער הערן זי אויף אינגאַנצן צו געברויכן, מיינט ניט, אַז שפּראַך אַלס אַזעלכע איז ניט דויערהאַפטיק, און אַז זי קאָן לייכט פאַרביטן ווערן. דאָס וואָס איז ריכטיק בנוגע אַן איינצלנעם, וואָס בייט זיין סביבה, איז ניט ריכטיק בנוגע דעם כּלל. פאַראַן פאַלן אין דער געשיכטע וואו אַ שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון אַ גרויסן קאָלעקטיוו אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, האָט אויסגעהאַלטן די אַטאַקעס פון פיזישע און קולטורעלע מלחמות. ברעטאָניש, אַ צעלטישער דיאַלעקט, וואָס איז גערעדט געוואָרן אין גרויסע טיילן פון אייראָפּע פאַר דער רוימישער אָקופּאַציע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווערט נאָך היינט צו טאָג גערעדט אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ פון בריטאַני. ברעטאָניש האָט עקשנותדיק אָנגעהאַלטן איר פּאָזיציע קעגן לאַטייניש, פראַנקיש־דייטש און פראַנצויזיש. דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע באַסקיש, אַ שפּראַך וואָס ווערט נאָך היינט גערעדט אין טיילן פון שפּאַניע. שפּראַך איז אַ גרויסער פאַקטאָר אין פאָרמירן און אָנהאַלטן אַ נאַציע. זי שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין איינטיילן די מענטשהייט אין גרופּעס און אין אָנהאַלטן די גאַנצקייט פון די געגעבענע גרופּעס. וואָס אייגנטלעך טיילט אָפּ די פראַנצויזן פון די איטאַליענער, די האָלענדער פון די דייטשן, די שוועדן פון די נאָרוועגער, די גרויס־רוסן פון די קליין־רוסן? ראַסיש, קולטורעל און טעריטאָריעל באַזיצן די גרופּן גרויסע ענלעכקייטן צווישן זיך. עס שיידט זיי פאַנאַנדער הויפּטזעכלעך די

שפּראַך, אין וועלכער עס קומען צום פֿאָדערגרונט אויך קולטורעלע און היסטאָרישע פֿאַקטאָרן.

ביבליאָגראַפֿיע:

E. J. Payne, History of the New World Called America, vol. ii, 1892.
E. Sapir, Language, 1921.
F. Boas. The Mind of Primitive Man, ch. v, 1924.
O. Jesperson, Language, 1925.
G. Plekhanov, Fundamental Problems of Marxism, p. 43 ff., 1928.
ע. ספּיוואַק, מאַרקס און ענגעלס וועגן שפּראַך־פּראָבלעמען, 1934.

קאַפּיטל 4

רעליגיע

א. טעאָריעס וועגן דער אַנטשטייאונג פון רעליגיע

דער אויפשטייגנדיקער לעבנסקרעפטיקער קאַפּיטאַליזם, פריש פון די גרויסע נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער דעם פּראָווינציעלן פעאָדאַליזם אין סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט, דערמונטערט פון דעם זיג איבער דער מיטל־אייראָפּייאישער רעאַקציע אין מיטן פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָט, ווי אַ בוים וואָס צעוואַקסט זיך אויף זאַפטיקער ערד, אויסגעשפּרייט זיינע וואָרצלען איבער דער גאַנצער וועלט. האַנדל און אינדוסטריע האָבן מיט האַסטיקע טריט אַריבערגעשפּרייזט איבער די נאַציאָנאַלע גרענעצן פון אייראָפּע, בייגעקומען די נאַטור גרענעצן פון די פינף קאָנטינענטן; אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע און אַמעריקע זיינען געצוואָונגען געוואָרן ברייט צו עפענען זייערע טויערן פאַר דעם ווייסן אייראָפּייער. דאָס וואָס אַלעקסאַנדער מוקדנס אַרמייען און צעזאַרס לעגיאָנען האָבן ניט באַוויזן אויפצוטאָן, האָבן דאַמף און פולווער דערגרייכט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט.

די געוואַלטיקע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מערב־אייראָפּע אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, האָבן אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציע אין דער וויסנשאַפט. די גלענצנדיקע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען אויפן געביט פון עקזאַקטער וויסנשאַפט, די אויסגראָבונג פון אַלטע, לאַנג פאַרגעסענע קולטור־צענטערס, די אַנטדעקונג פון אומבאַקאַנטע וועלט־טיילן און די אויספאָרשונג פון פּרימיטיווע פעלקער און פון זייער לעבנס־שטייגער, האָבן שאַרף און בולט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן רעווידירן די הערשנדיקע אַנשויאונגען אויפן געביט פון רעליגיע. די דאַרווינישע לערע וועגן דעם אָפּשטאַם פון מענטשן, די אויסגראָבונגען פון מענטשן־סקעלעטן פון דער פאַר־היסטאָרישער צייט, די אויפדעקונג פון די סומעריש־באַבילאָנישע און עגיפּטישע ציוויליזאַציעס — האָבן אַוועקגעשטעלט די אידיש־קריסטלעכע רעליגיע אין אַ פיינלעך קריטישער לאַגע. יהוה — יעזוס האָבן ביסלעכווייז געמוזט צוריקטרעטן פון איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. צוערשט האָבן זיי געמוזט אויפגעבן זייער ממשלה

איבער דער נאַטור; דערנאָך — אָפּזאָגן זיך פון דער פּרעטענזיע, אַז זיי האָבן באַשאַפן דעם מענטשן; און צום סוף האָט דאָס דערלערנען די רעליגיעס פון די פּרימיטיווע פעלקער, פון די באַבילאָנער, עגיפּטער און גריכן, זיי אַפילו באַרויבט פון זייער אָריגינאַליטעט אַלס זעלבסטשטענדיקע געטער. די באַקאַנטשאַפט מיט די רעליגיעזע סיסטעמען פון דער אַלטער וועלט און באַזונדערס מיט די אמונות פון די נאָך עקזיסטירנדיקע פּרימיטיווע גרופּעס אין אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע און אַמעריקע, האָט געבוירן אַ נייעם וויסנשאַפט־צווייג: די פאַרגלייכנדע רעליגיע. רעליגיע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קרייז פון געשיכטע, זי איז דערקענט געוואָרן אַלס אַ טייל פון דער איבערסטרוקטור, וועלכע שפּיגלט אָפּ דאָס עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע לעבן פון אַ געגעבענער גרופּע אונטער באַשטימטע באַדינגונגען. מען האָט אָנגעהויבן צו שטודירן רעליגיע אין ליכט פון דער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג־טעאָריע.

טיילערס טעאָריע פון אַנימיזם

דער ענגלישער אַנטראָפּאָלאָג, עדוואַרד ב. טיילער1) איז דער ערשטער אַרויסגעקומען מיט אַ פולשטענדיקער און אומפאַסנדער טעאָריע וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון רעליגיע. לויט טיילערן, איז רעליגיע אַ גלויבן אין גייסטער, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ גלויבן אין געטער. אַ גלויבן אין גייסטער, אָדער ווי טיילער רופט דאָס אָן „אַנימיזם", איז שוין צו געפינען אויף דער נידעריקסטער שטופע פון אַנטוויקלונג און איז ווייט פאַרשפּרייט בײַ אַלע פּרימיטיווע פעלקער. וואָס האָט געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון אַ גלויבן אין גייסטער? טיילער דערקלערט דאָס אויף פאָלגנדן אופן: דער ווילדער מענטש האָט ניט פאַרשטאַנען די ביאָלאָגישע פּראָבלעמען פון חלומות, וויזיעס, שלאָף און טויט. אַ מענטש, וואָס האָט ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק גערעדט, געווען אַקטיוו, פאַלט פּלוצים אַריין אין אַ צושטאַנד פון באַוועגלאָזיקייט און באַוואוסטלאָזיקייט. ער עסט ניט, ער טרינקט ניט, ער רעדט ניט. דער קערפּער איז געבליבן דערזעלבער און דאָך ניט דערזעלבער. עס טרעפט, אַז דער מענטש כאַפּט זיך אויף פון זיין באַוואוסטלאָזיקייט און דער קערפּער ווערט ווידער אַקטיוו ווי פריער. עס טרעפט אָבער, אַז ער כאַפּט זיך ניט אויף און בלייבט אַזוי ליגן עטלעכע טעג ביז עס לאָזן זיך פילן פון אים שלעכטע ריחות און מען מוז אים באַגראָבן, אָדער פאַרברענען. אין שלאָף וואַנדערט דער מענטש אין ווייטע

1) Edward B. Tyler, Primitive Culture: Researches into the development of Mythology, Philosophy, Art and Customs. London, 1872. א קורצן אינהאַלט פון דעם אויטאָרס טעאָריע וועט דער לעזער געפינען אין זיין Anthropology. זייטן 342—372.

מקומות, גייט אויף יאגד, זעט זיך מיט לעבעדיקע אָדער פאַרשטאָרבענע קרובים און דאָך ווייסט ער, אַז זיין קערפּער איז אין משך פון זיין וואַנדערן געבליבן אויף איין אָרט; אַז די חיות וועלכע ער האָט געהרגעט אויף דעם יאַגד ליגן ניט לעבן אים, א. אַז. וו. ער נעמט דעריבער אָן, אַז דער מענטש האָט ניט נאָר אַ גוף, נאָר אויך אַ נשמה, אַ פאַנטאַם, אָדער אַ שאָטן. די נשמה איז אומאָפּהענגיק פון גוף. אַזוי לאַנג, ווי די נשמה איז פאַר־בונדן מיט דעם גוף, לעבט ער; פאַרלאָזט זי אים, פאַלט ער אריין אין אַ שלאָף אָדער ער שטאַרבט. ווען דער מענטש שלאָפט, קומט זיין נשמה אין באַרירונג מיט די פון לאַנג פאַרשטאָרבענע. פון דעם דרינגט ער ווייטער, אַז כאָטש דער גוף ווערט פאַרפוילט, ווערט פאַרוואַנדלט אין שטויב נאָכן טויט, בלייבט די נשמה ווייטער לעבן. די נשמה איז אומשטערבלעך. דער מענטש דענקט אין אַנטראָפּאָמאָרפישע טערמינען. די נשמה איז, אמת, אומאָפּהענגיק פון גוף און איז אומשטערבלעך, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי די זעלבע פאַרלאַנגען און באַדערפענישן ווי דער גוף, און כדי זיי צו באַפרידיקן, נויטיקן זיך די נשמות אין שפּייז און געטראַנק. ניט נאָר האָבן זיי די זעלבע פאַרלאַנגען און וואונטשן וואָס עס האָט דער לעבעדיקער מענטש, נאָר זיי באַזיצן אויך די זעלבע מאַכט, וואָס זיי האָבן געהאַט אין ממשותדיקן לעבן. זיי קאָנען טאָן גוטס און שלעכטס. און כדי זיי אַריבער־צוגעווינען אויף דער זייט פון די לעבעדיקע, איז דער מענטש מתפּלל צו זיי און ברענגט זיי קרבנות. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער גלויבן אין נשמות און דער קולט פון די אבות — ד. ה. עלטערן־פאַרערונג.

דער פּרימיטיווער מענטש אונטערשיידט ניט צווישן זיך און די זאַכן וואָס געפינען זיך אַרום אים. לויט די פאָרשטעלונגען וואָס ער האָט פון זיך, שטעלט ער זיך אויך פאָר, אַז די חיות, די פלאַנצן און אַפילו געצייג האָבן נשמות. און אַזוי דערקלערט ער אויך די נאַטור־דערשיינונגען: דער וואַסער־גייסט פאַראורזאַכט פאַרפליצונגען, דער בוים־גייסט מאַכט אַז די פּרוכטן זאָלן וואַקסן, דער זון־גייסט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר ליכט, זון און היץ. אויך זיי שטעלט ער זיך פאָר אין אַ מענטשלעכער פאָרם און ברענגט צו זיי קרבנות פון שפּייז און געטראַנקען. אויף אַ העכערער שטופע פון אַנט־וויקלונג, ווען די געזעלשאַפט איז שוין איינגעטיילט אין סאָציאַלע שיכטן, ווערן די גייסטער פון די פירער, קריגסהעלדן און מאַגיקער מער פאַרערט ווי די נשמות פון פשוטע מענטשן. דאָס איז פאַרשטענדלעך: ווי בײַם לעבן אַזוי אויך נאָכן טויט האָבן זייערע גייסטער מער מאַכט און כוח, ווי די אַנדערע, געוויינלעכע מיטגלידער פון דעם שבט. אין געזעלשאַפטן וואו עלטערן־פאַרערונג איז שטאַרק פאַרשפּרייט ווערן די גייסטער פון אַזעלכע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן דערהויבן צו דער מדרגה פון געטער. אָט די נייע אָריענטאַציע ווענדט דער מענטש אָן, ווי פריער, אויך אויף דער נאַטור.

אויך דאָרט ווערן באַשטימטע נאַטור־כּוחות געהויבן ביז צו דער שטופּע פון געטער. די שיכטן און קלאַסן איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט ווערט איבערגעטראָגן אויף דער נאַטור, און עס אַנטשטייט דאָרט אַ זון־גאָט, אַן ערד־גאָט, אַ וואַסער־גאָט, א. אַז. וו. אַזאַ פאָרם פון גלויבן ווערט אָנגערופן פּאָליטעאיזם. דער גלויבן אין איין גאָט (מאָנאָטעאיזם) קאָן אַנטשטיין אויף פאַרשיידענע אופנים: אָדער דורך דעם וואָס מען דערקלערט דעם אויר־פאַטער פון דער גרופּע אַלס דעם העכסטן אָדער איינציקן גאָט, אָדער מען שטעלט זיך פאָר, אַז דער הימל איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס קומט פאָר אויף דער ערד, און פּונקט ווי אויף דער ערד הערשט איין קעניג, אַזוי הערשט אין הימל איין גאָט.

פרייזערס טעאָריע פון מאגיע

לויט טיילערס טעאָריע, איז דער גלויבן אין גייסטער אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט, דאָס הייסט, אַז דער מענטש איז שטענדיק געווען רעליגיעז. פּראָפעסאָר פרייזער וואַרפט אַנטשיידן אָפּ די טעאָריע פון דער פּריאָריטעט פון אַנימיזם און נעמט אָן, אַז איידער די מענטשן האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין גייסטער האָבן זיי פּראַקטיצירט מאגיע (כּישוף), וואָס איז לויטן אינהאַלט און לויט דער פּראַקטיק דער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ צו רעליגיע.(2) פּונקט ווי אויף דעם פּראָדוקציע־געביט איז די שטיין־צייט פאָראויסגעגאַנגען דער מעטאַל־צייט, אַזוי איז אויפן אינטעלעקטועלן געביט די תּקופה פון מאגיע פאָראויסגעגאַנגען דער עפּאָכע פון רעליגיע.

מאגיע שטיצט זיך אויף צוויי פּרינציפּן. דער ערשטער פּרינציפּ איז, אַז ענלעכקייט רופט אַרויס ענלעכקייט; און דער צווייטער איז, אַז זאַכן וואָס זיינען אַמאָל געווען צוזאַמען, באַאיינפלוסן זיך קעגנזייטיק פון דער־ווייטן אַפילו נאָכדעם, ווי עס איז שוין צווישן זיי ניטאָ קיין פיזישע באַ־רירונג. דער ערשטער פּרינציפּ ווערט אָנגערופן „דאָס געזעץ פון ענלעכקייט", דער צווייטער — „דאָס געזעץ פון קאָנטאַקט". פון דעם ערשטן געזעץ דרינגט דער מאגיקער, אַז ער קאָן פּראַקטיצירן יעדע זאַך, וואָס אים ווילט זיך דורך נאָכמאַכן דער זאַך; פון דעם צווייטן דרינגט ער אַרויס, אַז וואָס ער טוט צו אַ געוויסער זאַך, ווערט דאָס זעלבע געשען דעם מענטשן וואָס איז אַמאָל געקומען אין באַרירונג מיט דער זאַך. עס איז געווען גענוג אויס־צוגיסן אַ שעפל וואַסער און דערביי מורמלען אַ געוויסן — צו דעם צוועק באַשטימטן — שפּרוך, אַז וואָלקנס זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן און עס זאָל גיסן אַ רעגן (געזעץ פון ענלעכקייט); עס איז גענוג צו פאַרברענען אַ לאָק

---

2) J. G. Frazer, The Golden Bough. באַנד 1. אַ קורצן אינהאַלט פון דער טעאָריע וועט דער לעזער געפינען אין דעם אויטאָרס Man, God and Immortality, זייטן 217—284.

האָר, אַ טייל פון אַ קלייד, אָדער אַ געצייג און דאָס זעלבע וועט געשען דעם, מיט וועמען די האָר, קלייד אָדער געצייג איז אַמאָל געווען אין באַרירונג (געזעץ פון קאנטאקט). די אויבנדערמאָנטע צוויי פּרינציפּן ווערן אָנגע־רופן פּאזיטיווע מאגיע. כּישוף האָט אויך אַ נעגאַטיווע זייט, זי ווערט אָנגערופן טאבו. פּאזיטיווע מאגיע זאָגט: „טו דאָס, כּדי דאָס און דאָס זאָל געשען" (גיס וואַסער אויב דו ווילסט, אַז עס זאָל רעגענען); נעגאַטיווע מאגיע זאָגט: „טו דאָס ניט, כּדי דאָס און דאָס זאָל ניט געשען" (גיס ניט קיין וואַסער אויב דו ווילסט, אַז עס זאָל ניט רעגענען).



דער מכשף

(אָט־די פיגור איז געפונען געוואָרן אין שפּאַניע. זי האָט הערנער פון אַ הירש, אַ פּנים פון אַ סאָווע, אויערן פון אַ וואָלף, אַן עק פון אַ פערד און די פיס פון אַ מענטשן. זי שטעלט מיט זיך פאָר גבורה, שנעלקייט, שאַרפע ראיה און קלוגשאַפט.)

וויאַזוי איז דער פּרימיטיווער מענטש איבערגעגאַנגען פון מאַגיע צו רעליגיע? די קלוגערע און פיזיקערע מאַגיקער האָבן אין משך פון דורות איינגעזען די פאַלשקייט פון זייערע הנחות און זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן דורך אַנדערע אופנים צו דערגרייכן די געווינטשטע רעזולטאַטן. אין דער תקופה פון מאַגיע איז דער מענטש זעלבסטשטענדיק. ער אַנערקענט ניט קיין שטאַרקער און העכער וועזן פון זיך, ער בוקט זיך ניט צו קיינעם. ער איז דער הערשער איבער דער נאַטור. מיט דער הילף פון אַ פאָרמולע קאָן

ער מאַכן רעגן, היילן קראַנקע, נעמען נקמה אין פֿיינט. זיין מאַכט איז אומ־באַגרענעצט סיידן, אויב זי ווערט געמאַכט ווירקלאָז דורך אַ שטאַרקערער פאָרמולע פון אַ צווייטן מכשף. דאָס דערקענען, אַז מאגיע אַרבעט ניט, האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דעם מענטשנס לעבנסשטייגער. דער פאַקט, אַז ניט ער הערשט איבער דער נאַטור, נאָר פאַרקערט, די נאַטור הערשט איבער אים, איז געווען אַן אָפענע אנערקענונג פון דעם מענטשנס אומוויסן און שוואַכקייט. די גלאָררייכע אילוזיע וועגן דעם מענטשנס מאַכט איבער דער נאַטור איז צערונען געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז די נאַטור איז שטאַרקער פון אים. און פאַרן שטאַרקן האָט דער שוואַכער מורא. די נאַטור ווערט באַהערשט פון מעכטיקע גייסטער, און דעם מענטשנס לעבן איז אין זייערע הענט. און כדי זיי אַריבערצוגעווינען אויף זיין זייט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן צו זיי, בוקן זיך און ברענגען קרבנות. דער פריערדיקער הערשער איבער דער נאַטור איז געוואָרן איר שקלאַף.

דורקהיימס סאָציאַלע טעאָריע

לויט דורקהיים, (3 איז די נאַטור ניט בכוח אַרויסצורופן באַם מענטשן רעליגיעזע געפילן. די גרויסע השפעה וואָס רעליגיע האָט אין דער פרימי־טיווער און אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט האָט ניט געקאָנט אַנטשטיין אויפן באָדן פון אילוזיעס, ווי חלומות און די פאַלשע פאַרטייטשונגען פון די סבות פון קראַנקהייט און טויט. אויך נאַטור דערשיינונגען ווי דונער, בליץ, לקוי־חמה א. אַז. וו. האָבן ניט געקאָנט באַוועגן אַזוי טיף דעם פרי־מיטיוון מענטשן, אַז ער זאָל אָנהויבן גלויבן אין גייסטער, וועלכע זיינען פאַרקערפערט אין די אויבנדערמאָנטע דערשיינונגען, אָדער זיינען זייערע סבות. דורקהיים האָט שטודירט דאָס לעבן פון די צענטראַל־אויסטראַלישע שבטים, וועלכע שטייען אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה פון אַנטוויקלונג. זיי לעבן פון קלייבן שפייז, וואָס די נאַטור גיט זיי אין אַ גרייטן צושטאַנד, פון פישפאַנג און פון יאַגד. דער אופן פון פאַרשאַפן לעבנסמיטלען צווינגט זיי צו זוכן שפייז אין קליינע גרופעס. עס טרעפט זייער אָפט, אַז אַ פּאָר מענטשן גייען אויף יאַגד און לעבן אַן איינזאַמען לעבן, אָפגעריסן פון דער גרופע אויף טעג, וואָכן און אַפילו חדשים. דאָס טאָג־טעגלעך יאָגן זיך נאָך שפייז, דער אופן פון דעם יאָגן זיך און די מעטאָדן וואָס ווערן באַנוצט זיינען זייער מאָנאָטאָן, אומאינטערעסאַנט און איינפאַך אַזוי, אַז דאָס לעבן פון דעם צענטראַל־אויסטראַליער איז אַ לאַנגער, גרויער וואָכנדיקער טאָג. דאָס מאָנאָטאָנע, וואָכעדיקע לעבן ווערט איבערגעריסן ווען דער גאַנצער שבט זאַמלט זיך צונויף צו פייערן אַ יום טוב. דאָס פאַרזאַמלען זיך פון

3) Z. Durkheim, Les formes élémentaires de la vie religieuse, 1912.

דעם גאַנצן שבט, אָדער פון אַ פּאָר שבטים, אין איין פּלאַץ אונטער די קלאַנגען פון מוזיק און פון ריטמישע טענץ, פאַרוואַנדלט דעם אינדיווידועלן אויסטראַליער אין אַן אַנדערן מין מענטש. ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די וואָכעדיקייט, ער פאַרגעסט זיין מאָנאָטאָן לעבן און ווערט אַ טייל פון דער מאַסע אַרום אים. אַלץ, וואָס איז פאַרבאָטן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, איז דערלויבט אין אַזאַ מאָמענט. דער עקסטאַז פון דער גרופּע ווירקט אַזוי שטאַרק, אַז אַלע וועגן פּסיכיש פאַרוואַנדלט אין איין אומצעטיילבאַרן, אָרגאַ־נישן איינס. אַ מיסטישע קראַפט נעמט זיי אַרום. די מאַסע וואָס דער אויסטראַליער טראָגט בשעתן טאַנץ ווערט אַ טייל פון אים אַליין, ער גלויבט, אַז ער איז ניט דערזעלבער. דאָס לאַנגזאַמע טאַנצן און זינגען ווערט, אונ־טער דער ווירקונג פון דער מאַסע, פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן געיעג פון געשרייען, לויפן וואַרפן זיך איינער אויף דעם אַנדערן אין אַן אומצווימבאַרער אָרגיע פון געשלעכטלעכן פאַרקער, וואָס ענדיקט זיך מיט דעם צושטאַנד פון פולשטענדיקער אויסשעפּונג בא אַלע, וועלכע האָבן זיך אין דער אָרגיע באַטייליקט.

דער געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און די דערפאַרונגען און איבערלעבענישן בשעת די יום טובים איבערצייגן דעם פּרימיטיוון אויסטראַליער, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי וועלטן. די פּראָפאַנע, וואָכעדיקע וועלט, וואו דאָס לעבן איז אומעטיק און שווער, און די סאַק־ראַלע, הייליקע וועלט, וואו אַלע גרענעצן און פאַרבאָטן פאַלן אַוועק, וואו ער פאַרגעסט זיך און לעבט אַ לעבן, וואָס איז אין גרונט פאַרשיידן פון דעם צו וועלכן ער איז געוואוינט. אין אָט דעם אונטערשייד פון הייליקייט און וואָכעדיקייט ליגט דער אורשפּרונג פון רעליגיע. רעליגיע איז דעריבער אַ פּראָדוקט פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן אין הייליקע, אָדער יום-טובדיקע טעג. דער פּרימיטיווער אויסטראַליער גלויבט, אַז אין דער צייט פון יום טוב לעבט ער אין אַן אַנדערער וועלט, דעמאָלט ווערט ער באַהערשט פון אַ מיסטישער קראַפט, וועלכער ער קאָן ניט באַשרייבן אָדער דעפינירן אָבער וואָס עקזיסטירט.

דורקהיים אונטערשיידט צווישן מאַגיע און רעליגיע. אין הסכם מיט זיין דעפיניציע, אַז רעליגיע איז אַ סאָציאַלער פּראָדוקט, האַלט ער, אַז רעליגיע אין איר שפּעטערער אַנטוויקלונג איז שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ קירכע, מיט אַ ריטואַל, דאָס הייסט, מיט אַ קלאַס פון פּריסטער, פון אָנ־הענגער, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם גלויבן. דער מאַגיקער אָבער גרינדעט ניט קיין סעקטע, האָט ניט קיין אָנהענגער. ער איז אַ פּריוואַטער מענטש, אַ יחיד. צווישן דעם מאַגיקער און זיינע פּאַציענטן זיינען די באַציאונגען אַזעלכע, ווי פון אַ דאָקטאָר צו זיינע פּאַציענטן.

מאַרעטס טעאָריע פון פאַר-אַנימיזם

אין זיין בוך „אויפן שוועל פון רעליגיע"4) זוכט דער ענגלישער אנטראפּאָלאָג מארעט צו באווייזן, אז סיי טיילערס טעאָריע פון אנימיזם, און סיי פריזערס טעאָריע פון מאגיע זיינען שפּעטערע אנטוויקלונגען, און אז דעם אורשפּרונג פון רעליגיע דאַרף מען זוכן אין דעם געפיל פון באַוואונדערונג, ערפורכט (owe) וואָס דער פּרימיטיווער מענטש פילט לגבי מיסטעריעזע דערשיינונגען אין דער נאַטור און אין סאָציאַלן לעבן. אויסער־געוויינלעכע מאַניפעסטאַציעס ווי דונער, בליץ, ערדציטערניש, אומבאַקאַנטע פאָרמען פון בערג, שטיינער און חיות, טויט, קראַנקהייט, בלוט (ספּעציעל פון פרויען אין מענסטרואַציע פּעריאָד), יאָגן אָן אַ פּחד אויפן מענטשן און ער באַציט זיך צו זיי מיט ערפורכט. אויפן באָדן פון אָט־דעם געפיל, וואָס איז אין אָנהויב אומקלאָר, פאַרנעפּלט, האָבן זיך שפּעטער אנטוויקלט די צוויי צווייגן פון מאגיע און רעליגיע.

ב. מאַנאַ

טיילערס טעאָריע, אז די סבה וואָס האָט געפירט צו דער אנטשטייאונג פון רעליגיע איז צו זוכן אין ביאָלאָגישע דערשיינונגען ווי חלומות, האַלוציניאַציעס, שלאָף און טויט, די טעאָריע, וועלכע ווערט אויך אָנגענומען פון דעם דייטשן אנטראפּאָלאָג, דעם סאָציאַל-דעמאָקראַט, היינריך קונאָוו,5) דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן דערפאַר, ווייל דאָס, וואָס טיילער נעמט אָן אַלס אַ סבה, איז אין־דער־אמתן גאָר אַ רעזולטאַט. איידער דער מענטש הויבט אָן צו דערקלערן, אינטערפּרעטירן חלומות און טויט מוז ער פריער האָבן דאָס באַוואוסטזיין פון זייער עקזיסטענץ. פאַראַן שבטים, וואָס כאָטש זיי ווייסן פון דערפאַרונג, אז מענטשן, פּונקט ווי חיות, קאָנען שטאַרבן, פאַרשטייען זיי אָבער ניט, אז דער טויט איז אַ „מוז". די אויסטראַליער איינגעבוירענע חלומען, ווערן קראַנק און שטאַרבן. די סבה דערפון שרייבן זיי אָבער צו, ניט צו דער עקזיסטענץ פון אַ נשמה, וועלכע האָט צייטווייליק אָדער אויף שטענדיק פאַרלאָזן דעם קערפּער, נאָר צו די מאַכינאַציעס און

---

4) R. R. Marett, On the Threshold of Religion.

5) Heinrich Cunow, Ursprung der Religion und des Gottesglaubens. זייט 24.

„אַלע נאַטור און האַלב־נאַטור פעלקער זיינען פון דער נאַטור־אויס דואַליסטן. קערפּער און לעבן (גייסט) שטעלן זיי זיך פאָר אַלס צוויי פון גרונט־אויס פאַר־שיידענע איינסן... דער קערפּער אַלס אַזעלכער איז באַוועגלאָז, ער ווערט ערשט באַלעבט דעמאָלט ווען דער גייסט דרינגט אין אים אַריין... דער געדאַנק, אַז דער מענטש באַשטייט פון צוויי געגנזעצלעכע גרויסן, קערפּער און גייסט, איז אַ רע־זולטאַט פון חלומות..."

שוואַרץ־קינסטלעריי פון די מאַגיער (מכשפים).6) דער פּרימיטיווער מענטש איז ניט קיין מעטאַפיזיקער. וואָס אים ליגט אין זינען איז ניט די „מיס־טעריע" פון טויט און איר לייזונג, נאָר די פּראַקטישע און קאָנקרעטע פּראָבלעם ווי צו שאַפן די מיטלען וואָס זיינען נויטיק צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דעם שבט פון וועלכן ער איז אַן אָרגאַנישער טייל.

כדי צו לעבן מוז דער מענטש פריער פון אַלץ עסן. זוכן און געפינען שפייז איז די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע וואָס שטייט פאַר יעדן בעל־חי, דעם מענטשן איינגעשלאָסן. ביאָלאָגישע דערשיינונגען און נאַטור דערשיינונגען ווי דונער, בליץ, שטורעמס, ערדציטערנישן, וואולקאַנען אויס־ברוכן, לקוי־חמה א. אַז. וו., וואַרפן אויף אים אַן אַ שרעק, אָבער דאָס געפיל פון מורא איז אַ צייטווייליקס, עס האַלט אָן אַזוי לאַנג ווי עס בליצט, זוי עס דונערט און ווי לאַנג די ערד ציטערט. דערנאָך ווערט דאָס געפיל פאַרגעסן. שפייז — דאָס קאָן דער מענטש ניט פאַרגעסן, דאָס איז ניט צייטווייליק נאָר אַ טאָג־טעגלעכע פּראָבלעם פון וועלכער דאָס לעבן פון דער גאַנצער גרופּע איז אָפּהענגיק. דאָס פאַרשאַפן לעבנסמיטלען איז דער הויפּט־אינטערעס, דער צענטראַלער פּונקט, דער א' און דער ת' פון די אַקטיוויטעטן פונם דענקען און טראַכטן פון דעם פּרימיטיוון מענטשן.

ווי אַזוי פאַרשאַפט זיך דער מענטש, וואָס געפינט זיך אויף אַ נידע־ריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, זיינע לעבנסמיטלען? דורך קלייבן פּראָ־דוקטן (וואָס די נאַטור גיט אים גרייטערהייט), דורך פישפאַנג און יאַגד. אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ קומט ער אין באַרירונג מיט באַשטימטע, קאָנקרעטע דערשיינונגען מיט וועלכע ער פירט אַן אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. ווער זיגט אין דעם קאַמף? עס זיגט דער שטאַרקסטער, דער געשיקסטער, דער קלוגסטער, דער דערפאַרנסטער. באַם קלייבן טרעפט, אַז דאָס פּלאַץ איז פול מיט פויגל־אייער, ווערעמלעך און גרינסן; אין פישפאַנג טרעפט, אַז דער פישער קומט צוריק פון טייך מיט פולע הענט; אין יאַגד טרעפט, אַז עס געלינגט דעם יעגער צו כאַפּן לעבעדיק אָדער טויט די חיה נאָך וועלכער ער האָט זיך געיאָגט. עס טרעפט אָבער אויך פאַרקערט. ניט נאָר געלינגט עס דער חיה זיך אויסצודרייען פון די פיילן פון אירע פאַר־פאָלגערס, נאָר דער יעגער ווערט גאָר דערהרגעט אין קאַמף; די פיש גליטשן זיך אַרויס פון דער נעץ אָדער פאַרשווינדן גאָר פון דעם טייך; דאָס לאַנד איז טרוקן, אַלץ איז פאַרברענט פון דער זון און עס זיינען ניטאָ ניט קיין פויגל־אייער און ניט קיין גרינסן. ווי קומט עס, ווי דערקלערט זיך דאָס, וואָס איינמאָל לויפט דער יעגער שנעלער פון דעם הירש און אַ צווייטמאָל

6) זע B. Spencer—F. J. Gillen, The Native Tribes of Central Australia. זייט 476, און E. Bendam, Death Customs. קאַפּיטל 1.

געלינגט עס דעם הירש צו אנטרינען פון אונטער זיינע הענט; ווי קומט עס, וואָס אמאָל איז דער יעגער שטאַרקער פון דער קאַנגערו און אַ צווייטמאָל פאַרקערט? אויף אַ נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג דיפערענצירט דער מענטש נאָך ניט צווישן זיך און דער ארומיקער וועלט. קלאַסיפיקאַציע, איינטיילונג, איז אים פרעמד, ווייל די געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט, ווייסט נאָך ניט פון אַרבעט־איינטיילונג און ניט פון סאָציאַלער שיכטונג. זיינע געפילן טראָגט ער אַריבער אויף דער אַרומיקער סביבה. פונקט אַזוי ווי ער לעבט, פילט, דענקט, האָט פאַרלאַנגען און באַדערפענישן, אַזוי לעבן, פילן, דענקען אויך די חיות, די פלאַנצן, די טייכן, די בערג און די שטיינער: אַלץ וואָס עקזיסטירט, לעבט, אָטעמט, פילט און באַוועגט זיך. נעכטן האָט דער יעגער געזיגט, ווייל זיין כוח איז געווען שטאַרקער פון דעם הירשס כוח, היינט האָט ער געליטן אַ מפּלה, ווייל דער כוח פון דעם הירש איז געווען שטאַרקער. אין אַלץ וואָס עקזיסטירט איז דאָ כוח. דער דערפאָלג אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון דער מאָס כוח וואָס איינער באַזיצט. אָט־דעם „כוח" רופן די אַמעריקאַנער אינדיאַנער אָן מיט דעם נאָמען אַרענדאַ, און די אויסטראַליער — מאַנאַ.

דער געשיקטער יעגער, דער קלוגער פישער, דער דערפאָלגרייכער קריגער, דער דערפאַרענער היילער דערגרייכן זייערע דערפאָלגן דורך מאַנאַ; די זון, די לבנה, דער ווינט, די ערד, דער ים־הונט, די שלאַנג, דער הירש, אפילו געצייג (אַ גוטער און שטאַרקער בויגן אָדער אַ שאַרפע פייל) האָבן מאַנאַ. וואָס איז מאַנאַ? אַנטראָפּאָלאָגן איבערזעצן דעם באַגריף מיט „אומבאַקאַנטע גרוים", „מיסטישע קראַפט", אַ כוח, וואָס לאָזט זיך ניט דעפינירן, וואָס האָט נים קיין באַשטימטע פאָרם, אָבער עקזיסטירט אין אַלץ. שפּייז, קליידונג, געזונט, לאַנגע יאָרן און געזעלשאַפטלעכער פּרעסטיזש, און פאַרקערט, הונגער, קראַנקהייט און דורכפאַל, אַלץ איז אָפּהענגיק פון מאַנאַ. מאַנאַ איז אַ מאַכט, זי קאָן טאָן גוטס און שלעכטס.

דער הויפּט אינטערעס פון דעם פּרימיטיוון מענטשן קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם, ווי צו קריגן און צו באַנוצן וואָס מער מאַנאַ. וואָס זיינען די מיטלען, וועלכע ער באַנוצט צו פאַרזיכערן זיך מיט אַ שטאַרקער מאַנאַ? פריִער נעמט אָן, אַז צוערשט האָט דער מענטש מיט דער הילף פון מאגיע פאַרשטאַרקט זיין מאַנאַ און אויף אַזאַ אופן געצוואונגען די מאַנאַ פון דער נאַטור און אַנדערע מענטשן צו טאָן זיין פאַרלאַנג. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזען, אַז מאַגיע איז נוצלאָז און פירט ניט צום ציל, האָט ער אַנערקענט די העכערע מאַכט פון דער נאַטורס מאַנאַ און זיך אונטערגעוואָרפן. אויף דער שטופע האָט ער שוין ניט מער געזוכט צו צווינגען די נאַטור אַז זי זאָל טאָן זיין ווילן, נאָר געזוכט צו געווינען שטיצע און הילף דורך חניפה (תפלות) און כאַבאַר (קרבנות). דער מאַגיקער איז געוואָרן אַ

רעליגיעזער מענטש. אין הסכם מיט דעם דעפינירט פרייזער רעליגיע אויפן פֿאָלגנדן אופן: „רעליגיע מיינט דאָס איבערבעטן די העכערע כוחות וועלכע שטייען איבער דעם מענטשן, וועלכע רעגירן און קאָנטראָלירן די נאַטור און דאָס מענטשלעכע לעבן.״ 7) דער תהום וואָס פרייזער גראָבט צווישן מאַגיע (צוואַנג) און רעליגיע (אונטערטעניקייט), פֿאַרשטעלנדיק זיי אַלס צוויי פון גרונט אויס פֿאַרשיידענע אומאָפּהענגיקע איינסן וואָס האָבן צווישן זיך לחלוטין קיין שייכות ניט, און אַז רעליגיע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ העכערע אַנטוויקלונג און אַנטשטייט דעריבער כראָנאָלאָגיש שפּעטער ווי מאַגיע, איז ניט ריכטיק. רעליגיע און מאַגיע שליסן זיך ניט קעגנזייטיק אויס. מאַגיע אַנטהאַלט אין זיך רעליגיעזע עלעמענטן, און רעליגיע אַנטהאַלט אין זיך מאַגישע עלעמענטן. עס איז ניטאָ קיין ריינע מאַגיע, ניטאָ קיין ריינע רעליגיע. טעאָרעטיש איז צווישן זיי דאָ אַ גרויסער אונטערשייד, אין דער פּראַקטיק אָבער זיינען זיי ניט מער ווי צוויי זייטן פון דערזעלביקער דערשיינונג. 8) זיי זיינען אָרגאַניש פֿאַרבונדן און וואַקסן אַרויס ווי איין פּלאַנץ פון דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן באָדן פון דער פֿאַרוויסנשאַפטלעכער עפּאָכע, ווען דער מענטש האָט נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף פון די פּראָדוקציע־פֿאַרהעלטענישן און פון די געזעצן וואָס הערשן אין דער נאַטור.

כדי צו פֿאַרזיכערן זיך מיט מאַנאַ, מיט דער אַלמעכטיקער מיסטישער מאַכט, באַנוצט דער פּרימיטיווער (און דער מאָדערנער רעליגיעזער) מענטש בייד׳ע מיטלען — מאַגישע שפּרוכן און רעליגיעזע געבעטן. דער אויסוואַל פון די מיטלען איז אָפּהענגיק פון די געגעבענע באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי ווערן באַנוצט. די האָטנטאָטן, צום ביישפּיל, שעלטן דעם דונער און שיסן מיט גיפטיקע פיילן אויפן בליץ כדי זיי צו פֿאַרטרייבן פון דאָרף. אין דער זעלבער צייט אָבער, ווען אַ טייל פון דער גרופּע זוכט מיט צוואַנג־מיטלען פּטור צו ווערן פון דער געפֿאַר, פֿאַרזאַמלט זיך אַ צווייטער טייל פון דער גרופּע אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין דאָרף, פֿאַרמירט זיך אין אַ טאַנץ און זינגט ליבּ־לידער, בעטנדיק דעם דונער און בליץ צו פֿאַרשווינדן. אין אַ פּאַפּירוס פון עגיפּטן ווערט דערציילט וועגן אַ פרוי אין קינפּעט, וועלכע האָט געוואָרנט די געטין איזיס, אַז אויב זי וועט איר ניט העלפן געבוירן דאָס קינד, וועט זי פֿאַרשעלטן די געטער אין הימל, און אַלץ אויף דער ערד וועט חרוב ווערן. פּראָפעסאָר וועסטערמאַרק דערציילט פון אַ בערבער אַרעסטאַנט, וואָס האָט גערופן צו הילף אַ היילִיקע, זי זאָל אים אַרויסנעמען פון טורמע. ער האָט גענומען זיין טורבאַן, געמאַכט אַ קנופּ אין אים, און געזאָגט: „איך בינד דיך לעלא ראמא יוסיף און איך וועל ניט עפענען דעם

7) Magic Art, באַנד 1, זייט 222.

8) זע: E. S. Hartland, Ritual and Belief, 1914:

קנופּ ביז דו וועסט מיר ניט העלפן.9) אין דער ביבל ווערט דערציילט, אַז ווען דער פּאַטריאַרך יעקב האָט געדאַרפט אריבערגיין דעם טייך יבק, האָט ער צוערשט אַריבערגעשיקט זיין הויזגעזינד, אַליין אָבער איז ער געבליבן אויף יענער זייט טייך און געוואַרט ביז עס איז געוואָרן טונקל. אין דער פינצטערער נאַכט איז ער אַריבערגעגאַנגען און אויפן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם מיט וועמען ער האָט געקעמפט ביז צום אויפגאַנג פון דעם מאָרגנשטערן. ווען עס איז געוואָרן ליכטיק האָט דער „איינער" זיך געבעטן בא אים ער זאָל אים לאָזן גיין. יעקב האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן סיידן ער וועט אים בענטשן, און דער „איינער" האָט אים געבענטשט „און" — ווערט דאָרט דערציילט — „יעקב האָט אָנגערופן דאָס אָרט פּניאל, ווייל דאָרט האָט ער געקעמפט מיט גאָט און אים באַזיגט.10) אַ קלאַסישער ביישפּיל פון דער צונויפשמעלצונג פון מאגיע און רעליגיע איז דאָס צווייטע געבאָט פון די עשרת הדברות. די „צען געבאָטן" זיינען דער יסוד, דער פונדאַמענט פון דער אידישער רעליגיע. די זעלבע רעליגיע באַשטראָפט מיט טויט פּראָפעסיאָנעלע כשוף־מאַכער, און דאָך טראָגט דער צווייטער געבאָט ניט קיין רעליגיעזן, נאָר אַן אויסגעשפּראָכענעם מאגישן כאַראַקטער. דער געבאָט לייענט זיך: „...זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אָדער אַ בילד פון וואָס אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד..."11) פאַרוואָס זאָל זיך דער העברייער ניט טאָרן מאַכן אַ בילד פון זיין גאָט, אָדער פון די פּערזאָניפיצירטע נאַטור כוחות? גאָט האָט מורא פאַר כשוף. לויט דעם מאגישן פּרינציפּ רופט ענלעכקייט אַרויס ענלעכקייט. אַ בילד פון גאָט מיינט האָבן גאָט אַליין אין הויז. דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס דער איד וועט טאָן צום בילד, וועט דאָס זעלבע געשען צו גאָט, און גאָט וויל ניט, אַז דער מענטש זאָל האָבן מאַכט איבער אים. דערזעלבער גלויבן אין דער מאַכט פון מאגיע ליגט אין דעם פאַרבאָט ניט אָנצורופן גאָט באַם נאָמען. ווי הייסט דער אידישער גאָט? קיינער ווייסט ניט און ער אַליין וויל ניט אויסזאָגן. פאַרוואָס? ווייל אין אַ נאָמען איז פּערזאָניפיצירט די מאַכט פון דעם טרעגער פון דעם נאָמען. וויסן דעם נאָמען פון גאָט וואָלט געמיינט אויסאיבן אַ מאַכט אויף גאָט אַליין. פון פּאָרטוגעזישע מאַטראָסן ווערט דערציילט, אַז איין מאָל ווען דער ווינט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ים, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם בילד פון דעם הייליקן אַנטאָני און אים געבעטן ער זאָל שיקן אַ ווינט. זעענדיק אָבער, אַז זייער בעטן העלפט ניט, האָבן זיי

9) ציטירט פון Hartland., זייטן 130, 137 און 176.
10) בראשית 32:23—33.
11) שמות 4:20.

גענומען דאָס בילד און עס צוגעבונדן צום מאַסטבוים, צוערשט לויז, דער־
נאָך פעסטער און שטאַרקער. ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָבן זיי
אים געשאָלטן און זיך געבייזערט אויף אים וואָס ער העלפט זיי ניט. ערשט
אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען עס האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ גוטער ווינט
און די שיף האָט זיך גערירט פון אָרט, האָבן זיי אַראָפּגענומען אַנטאָניס
בילד פונם מאַסטבוים און אים פאַרגעוואָרפן למאי ער האָט זיי געצוואונגען
אָנצונעמען דראַסטישע מיטלען קעגן אים. די טאַראַסקאַס פון מעקסיקאַ



די ווענוס פון ווילנסדאָרף (פּאַלעאָליטישער פעטיש)

מאכן דעם הייליקן מאטעאָ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וועטער און גערע־טעניש. ווען עס ווערט שטאַרק קאַלט נעמען זיי אַרויס זיין בילד פון קלויסטער און טונקען עס איין אין קאַלט וואַסער אַלס אַ שטראָף. זאָל ער פילן וואָס עס מיינט קאַלט וואַסער! פאַרקערט, ווען עס איז דאָ אַ גוט גערעטעניש, מאַכן זיי אַ יום טוב און ברענגען אים קרבנות. 12)

די איינטיילונג פון דעם מענטשן אין גוף און נשמה, וואָס, ווי טיילער נעמט אָן, האָט געפירט צו דעם אַנטשטיין פון אַ גלויבן אין גייסטער, איז, ווי מיר וועלן שפּעטער באַווייזן, ערשט אַ פּראָדוקט פון שפּעטערער אַרבעט־איינטיילונג. אויף דער פרימיטיווער שטופע פון אַנטוויקלונג ווייסט נאָך די גרופּע ניט פון אַזאַ איינטיילונג און במילא האָט אויך דעמאָלט ניט געקאָנט אַנטשטיין אַ גלויבן אין דער צווייאיקייט פון דעם מענטשן. מאַגיע קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פון רעליגיע, ווייל סיי דער פרימיטיווער און סיי דער מאָדערנער גלויביקער באַנוצן ביידע מעטאָדן צו דערגרייכן זייער ציל. עס איז דעריבער פאַלש אָנצונעמען, ווי עס טוט פרייזערס טעאָריע, אַז דער מענטש איז געוואָרן רעליגיעז ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט איינגעזען אַז מאַגיע איז נוצלאָז. די סיבה וואָס האָט געפירט צום אַנטשטיין פון רעליגיע איז געווען דער גלויבן אין מאַנאַ, אַן אומפּערזענלעכער אַקטיווער כוח וועמען דער פרימיטיווער מענטש האָט געזוכט צו געווינען אויף זיין זייט דורך מאַגיש־רעליגיעזע מיטלען. ערשט ווען די געזעלשאַפט איז שוין געווען איינגעטיילט אין עקאָנאָמישע און כאַציאַלע שיכטן און קלאַסן איז די אומ־פּערזענלעכע מאַנאַ געוואָרן פּערזאָניפיצירט און דערהויבן צו דער מדרגה פון גייסטער און געטער.

ג. נשמות, גייסטער און געטער

די קאָנצעפּציע פון מאַנאַ איז געווען ווייט פאַרשפּרייט אין דער פרימיטיווער וועלט אונטער פאַרשיידענע נעמען. אָבער מאַנאַ, דאָס הייסט אַ גלויבן, וואָס איז אימאַנענט אין אַליץ און אין אַלעמען איז נאָך ניט קיין רעליגיע. מאַנאַ איז בלויז דער שטאָף, דאָס רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכן עס ווערן אין אַ שפּעטערער תקופה קאָנסטרואירט רעליגיעזע סיסטעמען. דאָ איז נויטיק צו געבן אַ דעפיניציע פון רעליגיע. וואָס איז רעליגיע און ווי אַזוי איז זי אַנטשטאַנען? טעאָלאָגן, היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן און אַנטראָ־פּאָלאָגן, פאַרשיידענע שולן און אינדיווידועלע פאָרשער גיבן זייערע אייגענע דעפיניציעס אָדער אינטערפּרעטאַציעס וועגן דעם אורשפּרונג און אינהאַלט פון רעליגיע און באַטאָנען יענע זייט אירע, וועלכע איז, לויט זייער מיינונג,

12) ציטירט פון Hartland, זייט 182. פאַר מער ביישפּילן פון פּרימיטיווע און מאָדערנע רעליגיעס זע: Frazer, The Scapegoat

דער הויפט־פאַקטאָר פון דעם רעליגיעזן קאמפּלעקס.13) אַ דעפיניציע, וואָס
זאָל אַרומנעמען דעם אינהאַלט און פאָרם פון רעליגיע אין אַלע צייטן און
אונטער אַלע באַדינגונגען איז אוממעגלעך צו געבן. דאָס איז ניט מעגלעך
דערפאַר ווייל רעליגיע, אַלס אַ טייל פון דער אויבערסטרוקטור פון דער
מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז באַזירט אויף געגעבענע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און מיט דעם ענדערן זיך פון די לעצטע ענדערט זיך
אויך דאָס ערשטע. דאָס מיינט אָבער לחלוטין ניט, אַז רעליגיע לאָזט זיך ניט
דעפינירן. עס איז מעגלעך און מען קאָן אויפן באַזיס פון פאַקטן געבן
אַ מינימום דעפיניציע, וואָס זאָל אין זיך אַריינעמען דעם כאַראַקטערים-
טישן שטריך וואָס איז פאַראַן אין אַלע רעליגיעס, וואָס איז דער ווינקל־שטיין
פון אַלע אמונות. רעליגיע, לויט אונדזער מיינונג, איז דער גלויבן אין דער
עקזיסטענץ פון כחות, וועלכע דער מענטש קאָן ניט קאָנטראָלירן. די כוחות
געפינען זיך אויסער דעם מענטשן, ער האָט אויף זיי קיין שליטה ניט, און
דערפאַר האָט ער פאַר זיי מורא. דער קווינטעסענץ פון רעליגיע איז דעריבער: מורא באַזירט אויף אומוויסן. דער גלויבן אין מאַנאַ אַנטהאַלט אין
זיך בלויז דעם ערשטן פאַקטאָר, אומוויסן, דאָס הייסט, דאָס ניט פאַרשטיין
די געזעצן, וועלכע קאָנטראָלירן די נאַטור און די מענטשלעכע געזעלשאַפט.
עס פעלט אָבער אין אים דער צווייטער פאַקטאָר, מורא. און דערפאַר טאַקע
קאָן מען דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון מאַנאַ נאָך ניט אָנרופן
רעליגיע, ווייל אַבסאָלוטע מורא, קנעכטישע אונטערוואַרפונג און פולשטענדיקע זעלבסטנעגירונג, וואָס איז דער מהות פון רעליגיע, פעלן נאָך אויף
יענער שטופע. דער פאַקט וואָס דער מענטש באַנוצט אויך רעליגיעזע מיטלען אין זיין קאַמף פאַר מאַנאַ, ווי תפילות און קרבנות, זיינען ניט קיין
באַוויז פון מורא, ווייל אונטערחנפענען זיך, אָדער געווינען חן אין די אויגן
פון שטאַרקערע כחות דורך כאַבאַר, מיינט נאָך ניט יענע גרענעצלאָזע און
מאסלאָזע אונטערוואַרפונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אמת
רעליגיעזן מענטשן אין זיין באַציאונג צו גאָט. דער גאָר־פּרימיטיווער מענטש

---

13) זע, צום ביישפּיל: F. Yaroslavsky, Religion in the U.S.S.R., 1932
זייט 30.

אַלס סבות פאַר דער אַנטשטייאונג פון רעליגיע ווערט דאָרט אָנגעגעבן (1) דאָס
ניט פאַרשטיין די עלעמענטאַרע נאַטור כוחות, ווי דאָס בייטן זיך פון וועטער,
סעזאָנען, שטורעמס, דונער, פאַרפליצונג, האָגל, מלחמה, מגפות, כאָלערע, א. אַז. וו.;
(2) דאָס ניט פאַרשטיין די ביאָלאָגישע דערשיינונגען, ווי טויט, חלומות, עפּילעפּסיע, א. אַז. וו.; און (3) פון דער פאַרערונג פון עלטערן, שבטים־פירער, א. אַז. וו.
דעריבער באַמערקט יאַראָסלאַווסקי: „אַ סך חברים האָבן מיר אויפמערקזאַם געמאַכט
אויף דעם פאַקט, אַז איך האָב געגעבן אַ סך סבות פאַר דער אנטשטייאונג פון רעליגיע. דאָס איז אמת. אָבער אַזוי איז עס טאַקע געווען. די באַזע און אינהאַלט
פון רעליגיע זיינען געווען פאַרשיידענע אין פאַרשיידענע צייטן.“

באנוצט רעליגיעזע מעטאָדן בלויז אַלס אַן אַלטערנאַטיוו. די מעטאָדן באַווייזן נאָר, אַז דער מענטש האָט איינגעזען (און אויך דאָס האָט ער געלערנט פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין זיין שבט), אַז עס לוינט זיך אַמאָל בעסער איבערצוגעווינען אַ שטאַרקערן דורך גוטע רייד, אָדער מתנות, איידער צו קעמפן מיט אים.

מיר קאָנען איצט איבערגיין און געבן אַן ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע: ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען רעליגיע? דאָס הייסט, ערשטנס, פון וואַנען האָט זיך גענומען דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אויסערלעכע כוחות, וואָס הערשן איבער דער וועלט און פון וועמען דער מענטש איז אָפּהענגיק, און, צווייטנס, פאַרוואָס איז די באַציאונג פון דעם מענטשן צו אָט די אַלע כוחות באַזירט אויף מורא. עס איז די מיינונג פון אַלע פאָרשער אויף דעם געביט פון פרימיטיווער רעליגיע, אַז די סבה וואָס האָט געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון רעליגיע איז געווען דער גלויבן אין נשמות און גייסטער, אַ גלויבן וואָס איז אַזוי ווייט פאַרשפּרייט און אוניווערסאַל ווי דער גלויבן אין מאַנא. ווי אַזוי אָבער איז אַנטשטאַנען דער גלויבן אין נשמות און גייסטער?

בוכארין וואַרפט אָפּ די טעאָריע פון קונאָוו וועגן דעם נאַטירלעכן, איינגעבוירענעם דואַליזם און דערקלערט דאָס אַנטשטיין פון אַ גלויבן אין נשמות און גייסטער אויפן פאָלגנדן אופן: „מיר ווייסן שוין, אַז דער ‚מהות' פון דער רעליגיע באַשטייט אין ‚גלויבן' אין איבערנאַטירלעכע כוחות, און וואונדערלעכע גייסטער. דער דאָזיקער באַגריף ‚גייסט', ‚נשמה' א. א. וו. איז אַנטשטאַנען ווי אַן אָפּקלאַנג פון דער אייגנאַרטיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט ווען עס האָט זיך אויסגעטיילט דער עלטסטער אינם שבט', אָדער שפּעטער דער פאַטריאַרך (בעתן פאַטריאַרכאַט; דאָס זעלבע לויטן מהות, אויך בעתן מאַטריאַרכאַט), ווען, מיט אַנדערע ווערטער, די אַרבעט־איינטיילונג האָט דערפירט צו דער אויסטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט... אין דער פּראָדוקציע האָט דער עלטסטער פון שבט, אַלס דער אָפּהיטער פון דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג, אָרגאַניזירט, פאַרוואַלטעט, באַפוילן, אָנגעצייכנט דעם אַרבעט־פּלאַן. ער באַווייזט זיך אַלס אַ טעטיקער ‚שאַפנדיקער' יסוד, אין דער צייט ווען אַנדערע וואַרפן זיך אונטער, פירן אויס באַפעלן, זיינען אונטערטעניק אַ־פון־אויבן פעסטגעשטעלטן פּלאַן, טוען לויט אַ פרעמדן ווילן. די דאָזיקע באַציאונג פון דער פּראָדוקציע איז געוואָרן אַ מאָדעל אויך פאַר דער באַטראַכטונג פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, און קודם כל, פון דעם מענטש גופא. — דער מענטש איז געוואָרן צעטיילט אויף אַ גוף און אַ נשמה. ‚נשמה' איז דאָס, וואָס פירט אָן מיטן ‚גוף'. די נשמה שטייט אויף אַזוי פיל העכער פונם גוף, אויף וויפיל דער אָרגאַניזירער און פאַרוואַלטער שטייט העכער

פאַרן פשוטן אויספירער. (בײַ אַריסטאָטלען איז ערגעץ־וואו פאַראַן אַ פאַרגלײַך פון דער נשמה צו אַ בעל־הבית, און דעם גוף צו אַ שקלאַף.)

„לויט אַזאַ סיסטעם האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די גאַנצע אי־בעריקע וועלט: מען האָט אָנגעהויבן צו דענקען, אַז אונטער יעדער זאַך זיצט דער ,גייסט' פון דער דאָזיקער זאַך; די גאַנצע נאַטור האָט מען זיך געדאַכט אַלס אַ פאַרגייסטיקטע... און ווען עס איז אַנטשטאַנען אַזאַ פאַר־שטעלונג האָט זי אומפאַרמײַדלעך געבראַכט אויך צו דער רעליגיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער פאַרערונג (קולט) פון די עלטערן, די עלטסטע אין דעם שבט, פאַרוואַלטער, אָרגאַניזירער. זייערע ,נשמות', אָדער ,גייס־טער' זיינען, נאַטירלעך, באַטראַכט געוואָרן אַלס די מער ווינסדיקע, דערפאַרענע, מעכטיקע גייסטער, וואָס קאָנען העלפן, פון וועמען עס הענגט אָפּ יעדע זאַך אין דער וועלט. דאָס איז שוין רעליגיע. הייסט עס, די בלויזע אָפּשטאַמונג פון רעליגיע ווייזט, אַז זי איז אַנטשטאַנען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די פּראָדוקציע באַציאונגען... די רעליגיע האָט דערקלערט די גאַנצע וועלט לויט דעם בײַשפּיל, לויט וועלכן עס איז דערקלערט געוואָרן דאָס לעבן אין דער געזעלשאַפט." 14)

די טעאָריע וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם גלויבן אין נשמות און גייסטער, וועלכע בוכאַרין האָט איבערגענומען פון א. באָגדאַנאָוו, 15) האַלטן מיר, איז אין עצם אַ ריכטיקע, ווײַל זי באַטאָנט דעם הויפּט־פאַקטאָר, די גרונט־סבה וואָס האָט געפירט צו דעם אַנטשטיין פון דער דואַליסטישער אויפפאַסונג פון גוף און נשמה (מאַטעריע און גייסט). די צרה מיט אָט דער טעאָריע איז אָבער דאָס, וואָס זי איז צו איינפאַרמיק, צו גראַדליניק; דאָס, וואָס זי באַנוגנט זיך בלויז דערמיט וואָס זי גיט די הויפּט־סיבה אַלס אַ דערקלערונג און לאָזט אַרויס די סעקונדערע סבות און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט, דערקלערט און (כלומרשט) באַוויזן די ריכטיקייט פון דער צווייאיקייט אין מענטש און אין דער נאַטור.

דער באַגריף „אַרבעט־איינטיילונג" פאָדערט אַ גענויערע אונטערזוכונג. די ערשטע אַרבעט־איינטיילונג איז געווען באַזירט אויף געשלעכט. דאָס לעבן אין דער פּרימיטיווער גרופּע איז שווער און פול מיט געפאַרן. יאַגד, מלחמות און וואַנדערונגען פאָדערן שטענדיקע וואַכזאַמקייט, אויסדויער, קאַמף־באַרייטקייט. די פרוי, צוליב פיזיאָלאָגישע אורזאַכן, ווי מענסטרואַציע פעריאָדן, שוואַנגערשאַפט און די לאַנג־דויערנדיקע אָפּהענגיקייט פון דעם מענטשלעכן קינד אָן דער מוטער, איז ניט אין דער לאַגע צו זיין „שטענדיק באַרייט". די שווערע, געפערלעכע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן ווערן

---

14) N. Bukharin, Historical Materialism., זייט 170.

15) דערזעלבער, זייט 171.

דעריבער באזאָרגט פון דעם מאַן. אָט־די ערשטע אַרבעט־איינטיילונג, באַזירט אויף פיזיאָלאָגישע יסודות, רופט נאָך ניט אַרוים קיין אומגלייכקייט אין דער גרופּע, ווייל עקאָנאָמיש, כאָטש יעדעם געשלעכט האָט באַשטימטע פונקציעס, זיינען ביידע געשלעכטער גלייך, און דאָרט וואו עס הערשט מוטער־רעכט (דער אַזוי גערופענער מאַטריאַרכאַט), איז דער סאָציאַלער פּרעסטיזש פון דער פרוי אַפילו גרעסער פון דעם מאַן. די פּראָדוקציע מעטאָדן דערלויבן נאָך ניט קיין אַרבעט־איינטיילונג. דער גאָר פּרימיטיווער מענטש איז אַ מייסטער אין אַלע פאַכן. אויף דער שטופע איז נאָך, נאַטירלעך, ניטאָ קיין גלויבן אין נשמות. ערשט נאָכדעם ווי די גזזעלשאַפט דערגרייכט אַ העכערע שטופע פון אַנטוויקלונג און עס הויבן זיך אָן אויסבילדן פאַכמענער, פּראָפעסיאָנאַלן אויף דעם עקאָנאָמישן געביט און פירער און געפירטע אויף דעם סאָציאַלן געביט, ווערט געשאַפן די מעגלעכקייט, די באַזע, אויף וועלכער עס הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען דער באַגריף פון דואַליזם, וואָס געפינט זיין העכסטן אויסדרוק אין דער איינטיילונג פון מענטשן און נאַטור אין אַ „גוף" און „נשמה". אָבער אויף אָט־דער אָנהויב שטופע ווערט דער פאַכמאַן, אָדער פירער, באַלוינט ניט מיט עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס, נאָר בלויז מיט סאָציאַלן פּרעסטיזש און דערפאַר ווערן אַלע מענטשן, אַלע בעלי חי און אַלע פלאַנצן באַשאָנקען מיט נשמות.

וואָס איז די נשמה? זי שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין נייעם עלעמענט אין דער פּסיכיק פון דעם פּרימיטיוון מענטשן. זי איז מאַנאַ, דער אַלטער לעבנס־פּרינציפּ, וואָס עקזיסטירט אין אַלץ און אין אַלעם; זי ווערט אָבער איצט, אַ דאַנק דער נייער דערפאַרונג אויף דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן געביט, מער באַשטימט און לאָקאַליזירט אין האַרץ, בלוט, אָטעם, אויג־אַפּל א. אַז. וו.

דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ נשמה, וואָס איז אייגנטלעך ניט מער ווי אַ וויטערער שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מאַנאַ־פּרינציפּ, איז נאָך ניט קיין רעליגיע. עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, אַז דער פּרימיטיווער מענטש דיפערענצירט ניט צווישן זיך און דער אַרומיקער וועלט, און דער טויט איז בא אים ניט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג, נאָר דער פּראָדוקט פון שוואַרצער מאַגיע. 16) נאָך דעם טויט פון דעם מענטשן בלייבט זיין „נשמה", זיין מאַנאַ וויטער לעבן, אמת ניט אויף לאַנג (זעט אונטן), אָבער זי לעבט. דער לעבעדיקער מענטש דאַרף דעריבער זען צו געווינען די וואוילגעזונטקייט פון דעם פאַרשטאָרבענעמס מאַנאַ, און ער זוכט דאָס צו דערגרייכן דורך תפלות און קרבנות. דערפאַר טאַקע געפינען מיר, אַז אויף דער שטופע פון אַנטוויקלונג זיינען נאָך די פונקציעס פון מאַגיקער און כהן ניט דיפערענצירט. ביידע פונקציעס ווערן באַזאָרגט פון

16) זע אויך: P. Wirtz, Daemonen und Wilde in Neuguinea., זייט 189.

אײן פערזאן. די סיבירער אײנגעבוירענע רופן אזא אײנעם שאמאן. ער איז סײ דער הײלער, סײ דער מאגיקער און סײ דער פריסטער פון דער גרופע. אזוי, למשל, בא די װעדאס, װעלכע שטײען אויף א זײער נידעריקער שטופע פון אנטװיקלונג (זײ לעבן פון יאגד און זאמלען האניק, בויען ניט קײן כאטעס, נאר שיצן זיך אין הײלן אדער אונטער פעלדזן און האבן זײער פרימיטיװע ערדענע כלים), װעלכע גלויבן שוין אין דער עקזיסטענץ פון נשמות, איז דער שאמאן נאך אלץ דער מאגיקער, דער הײלער און ער ברענגט קרבנות און איז מתפלל צו די נשמות פון די פארשטארבענע.17)

ערשט מיט דער װײטערדיקער אנטװיקלונג פון דער טעכניק, ספּעציעל דארט װאו יאגד, פיצוכט און הארטיקולטור, אדער אגריקולטור, װערן די הויפט-קװאלן פון פרנסה, ערשט װען די באשעפטיקונגען פאדערן שוין א געװיסע געניטקײט און קװאליפיקאציע און אלס רעזולטאט הויבן זיך אן אויסשײלן פראפעסיאנעלע יעגער, באהאװנטע פאסטוכער, געשולטע ערד־ארבעטער, הײלער ספּעציאליסטן און, איבער זײ אלע, פירער אין צײט פון שלום און מלחמה — ערשט דעמאלט קומט פאר, פאראלעל צו דער דיפערענצירונג אויף דעם עקאנאמיש-סאציאלן געביט, אויך א װײטערע דיפערענצירונג אויף דעם גײסטיקן באדן: די נשמות פון די פירער, פון די באפעלגעבער און אײנפלוסרײכע פערזענלעכקײטן װערן דערקלערט אומ־שטערבלעך און װערן דערהויבן צו דער מדרגה פון גײסטער. די ערשטע אויסבילדונג פון פאבלײט האט, װי שוין אויבן באמערקט, געבראכט מיט זיך בלויז סאציאלן פרעסטיזש, די צװײטע טראגט שוין מיט זיך אויך עקא־נאמישע פריװילעגיעס. דער גוטער קריגספירער קריגט א גרעסערן חלק פון דעם מלחמה־רויב. דער געניטער פאסטוך, דער פלײסיקער פארמער און דער געשיקטער פירער װערן בעסער באלוינט און אלס רעזולטאט זאמלען זײ אן רײכטימער. זײ שטעלן מיט זיך פאר א הערשער קלאס. אויף דעם באדן פון דער עקאנאמישער אומגלײכקײט אנטשטײט א נײע „װעלטאנשויאונג”. פריער האט יעדער אײנער געהאט די זעלבע מאס מאנא און יעדער אײנער האט געהאט די מעגלעכקײט זי צו פארגרעסערן מיט דער הילף פון מאגיש־רעליגיעזע מיטלען. איצט אבער װען די געזעלשאפט איז שוין אײנגעטײלט אין פירער און געפירטע, באפעלגעבער און באפעלאויספירער, רײכע און ארעמע, קאן שוין קײן רײד ניט זײן פון א גלײכמאסיקער מאנא. פונקט װי ניט יעדער אײנער קאן איצט װערן רײך, אדער זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון פירערשאפט, אזוי קאן ניט יעדער אײנער האבן די זעלבע קװאנטיטעט אדער קװאליטעט פון מאנא. די מאנא פון דעם פירער, פון דעם באפעלגעבער, איז שטארקער, מעכטיקער װי די מאנא פון דעם געװײנלעכן מענטשן. בשעת

17) זע: Hartland, זײטן 112—113.

די „נשמה" פון דעם פשוטן מענטשן לעבט נאָר אַ קורצע צייט נאָך דעם טויט פון דעם קערפּער, בלייבט די „נשמה" (מאַנאַ) פון דעם פירער אומ־שטערבלעך. די נשמה פון דעם פּשוטן מענטשן פירט אַ שאָטנהאַפּטיקע, מינדערווערטיקע עקזיסטענץ, דעם פירערס נשמה אָבער בלייבט אין באַזיץ פון דער זעלבער מאַכט און כוח ווי באַם לעבן: זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גייסט, וואָס קאָן די לעבעדיקע טאָן גוטס און שלעכטס. די ראַנג און קלאַסן איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט ווערט איבערגעטראָגן אין דער נשמה־וועלט און אויך דאָרט אַנטשטייען ראַנגען און קלאַסן. די נשמה פון דעם פשוטן מענטשן האָט אַזוי ווייניק מאַכט און איינפלוס אין דער שאָטן־וועלט, ווי זי האָט געהאַט אויף דער ערד, און די נשמה פון דעם פירער האָט אַזוי פיל און אַ סך מער מאַכט און איינפלוס, ווי זי האָט געהאַט באַם לעבן.

די באַנטו שבטים אין אַפריקע זיינען מייסטנס (דאָרט וואו עס איז מעגלעך) פיציכטער און אַגריקולטוריסטן. זיי וואוינען אין כאַטעס באַדעקט מיט שטרוי און מאַכן זיך קליידער פון קאָרע. דער סאָציאַלער איינס איז דאָס דאָרף וואָס באַשטייט פון עטלעכע פאַמיליעס. אַ געוויסע צאָל דערפער פאַרמירן אַ העכערן איינס, וואָס שטייט אונטער דער אָנפירונג פון אַן עלטסטן. דאָרט וואו גרעסערע פאַראייניקונגען זיינען מעגלעך, זיינען אַפילו דאָ אַזוי־גערופענע קעניגן, וועלכע הערשן איבער אַ גרויסער צאָל דערפער און שבטים. זיי גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון מאַנאַ אין אַלגעמיין און אין דער אומשטערבלעכקייט פון די נשמות — פון די מעכטיקע און איינ־פלוסרייכע! ווען אַ פשוטער בשר ודם שטאַרבט ווערט זיין קערפּער גלייך באַגראָבן, אָדער נאָר אַרויסגעוואָרפן אויפן פעלד. די קערפּערס פון די עלטסטע און קעניגן אָבער ווערן געבראַכט צו קבורה מיט גרויס פּאַראַד. מען האַלט אָפּ לאַנגע צערעמאָניעס באַם קבר און מען ברענגט צענדליקער קרבנות, בהמות און שקלאַפן צו זייערע נשמות.18) דאָס זעלבע איז אויך אין מעלאַנעזיע. ווען אַ פשוטער מענטש שטאַרבט ווערט ער גלייך נאָך זיין טויט באַגראָבן. ער האָט געשפּילט אַ קליינע ראָלע באַם לעבן און שפּילט נאָך אַ קלענערע נאָכן טויט. ווען עס שטאַרבט אָבער אַן אָנגעזעענער מענטש ווערט זיין קערפּער געהאַלטן אין גרויס כבוד און באַגראָבן אין אַ קבר פול מיט מתנות פון שפּייז און געטראַנקען.19) די נשמות פון די איינפלוסרייכע מענטשן זיינען שטערבלעך; די נשמות פון די גרויסע און מעכ־טיקע זיינען אומשטערבלעך. דער געדאַנק קומט קלאָר צום פאָדערגרונט בא די וועדאַס. זעליגמאַן דערציילט: „כאָטש די מורא פאַר די פאַרשטאָר־

18) E. W. Smith, The Religion of Lower Races, זייטן 28—32.

19) Codrington, The Melanesians, 1891. זייט 261.

בענע איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרשפּרייט בײַ די מער פּרימיטיווע וועדאַס, האָבן מיר געטראָפן אַ פּאָר אַלטע לייט... וועלכע זיינען ניט געווען אַזוי זיכער צי אַלע מענטשן ווערן נאָך זייער טויט יאַקו (גייסט). זיי זיינען געווען זיכער, אַז אַלע גרויסע און איינפלוסרייכע מענטשן ווערן נאָכן טויט יאַקו, אָבער זיי האָבן גאָר שטאַרק געצווייפלט, צי פּשוטע מענטשן זיינען אויך אומשטערבלעך.״ 20) אין דער באַציאונג צו די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע פירער און מאַכטהאָבער טרעט אַמבולטסטן אַרויס דער פאַקטאָר פון מורא. מען האָט פאַר זיי מורא געהאַט באַם לעבן, דעמאָלט ווען מען האָט געוואוסט זייערע פאַרלאַנגען און וואונטשן. נאָכן טויט ווייסט מען דאָס שוין ניט. די מורא זיי צו באַליידיקן, אָדער אַרויסווייזן אומגעהאָרכזאַמקייט, איז דעריבער נאָך גרעסער ווי פריער. תפלות און קרבנות ווערן דעריבער אָנגעוואַנדט כדי זיי זאָלן זיין גוט צו די לעבעדיקע.

דאָרט וואו דער קולט פון די אבות, דאָס הייסט, די פאַרערונג פון די מאַנאַס פון די פאַרשטאָרבענע פירער און שטאַם־עלטערן, איז אַמשטאַרקסטן פאַרשפּרייט, דאָרט געפינען מיר רעליגיע אין איר גאַנצער און פולער אַנטוויקלונג. אויף די פירער האָט דאָס פאָלק ניט געהאַט קיין שליטה באַם לעבן און זייערע גייסטער שטייען אודאי איבער זיין מאַכט נאָכן טויט. זיי זיינען שטאַרקער, מעכטיקער פון דעם מענטשן און ער מוז זיך אונטערוואַרפן, ווייל זיין עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון זיי.

די סבה, וואָס האָט געפירט צו דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון נשמות און די דערהויבונג פון די נשמות פון די איינפלוסרייכע און מעכטיקע צו דער מדרגה פון גייסטער, איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, די אַרבעט און קלאַסן־איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט. דאָס שליסט אָבער ניט אויס, אַז אויך די ביאָלאָגישע דערשיינונגען, ווי חלומות, שלאָף און טויט, און די נאַטור דערשיינונגען, ווי דונער, בליץ, ערד־ציטערניש א. אַז. וו. זאָלן אויך האָבן מיטגעווירקט אין דעם פּראָצעס. אָבער זיי זיינען געווען צווייט־גראַדיקע, סעקונדערע פאַקטאָרן. ערשט נאָכדעם ווי די עקזיסטענץ פון עקאָנאָמיש־סאָציאַלן דואַליזם אין דער געזעלשאַפט האָט געפירט צו דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ דואַליזם אין מענטשן און אין דער נאַטור, האָט מען די אויבנדערמאָנטע מיסטעריעזע דערשיינונגען אויך דערקלערט אויף דעם זעלבן שטייגער. אין אַנדערע ווערטער, ניט די ביאָלאָגישע דערשיינונגען זיינען געווען, ווי טיילער און קונאָוו ווילן באַווייזן, די סבות פון דעם אַנטשטיין פון דעם גלויבן אין נשמות, נאָר פאַרקערט, חלומות און טויט זיינען באַנוצט געוואָרן צו באַווייזן די עקזיסטענץ פון נשמות.

20) C. A. Seligman, The Veddas, 1911. זייט 126. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די קלענערע י אַ ק ו האָבן ניט קיין רעכט אָנצונעמען מתנות פון די לעבעדיקע סיידן זיי קריגן דערלויבעניש פון די גרויסע י אַ ק ו.

ווי אין פריערדיקע פאַלן ווערט אויך איצט די דערפאַרונג פון דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן לעבן איבערגעטראָגן אויף דער נאַטור. צו דעם פריערדיקן גלויבן, אַז יעדע זאַך באַזיצט מאַנאַ, ווערט איצט צוגעגעבן דער גלויבן אין גייסטער. אָבער ווי אין דער געזעלשאַפט, אַזוי אויך אין דער נאַטור האָט ניט יעדער בוים אָדער חיה אַ גייסט, נאָר עס אַנטשטייען פּירער־גייסטער. אַלע ביימער ווערן באַהערשט פון אַ וואַלד־גייסט, די טייכן פון אַ וואַסער־גייסט, א. אַז. וו. די גאַנצע נאַטור ווערט איצט באַהערשט פון גייסטער און יעדער גייסט פערזאָניפיצירט מיט זיך אַ געוויסן מין, און פירט דורך אַ סאָציאַלע פונקציע. דער מענטש זעט זיך אַרומגערינגלט פון גייסטער, וועלכע הערשן איבער אַלץ און אַלעמען און פון וועמען זיין וואויל־זיין איז אָפּהענגיק. דער מענטש איז געצוואונגען צו נעמען אַ שטעלונג צו זיי. אמת, ער באַנוצט נאָך אַלץ מאַגיש־רעליגיעזע מיטלען, אָבער דער עלע־מענט פון מורא ווערט כסדר מער בולט אין זיינע באַציאונגען צו דער גייסטער־וועלט. וואָס שטאַרקער דער הערשער קלאַס ווערט, וואָס אָפּהענ־גיקער דער פּשוטער מענטש ווערט פון אים, אַלץ מער טרעט דער מאַגישער עלעמענט צוריק און צום פאָדערגרונט קומט דער רעליגיעזער עלעמענט, דער עלעמענט פון מורא און שרעק. אין דער געזעלשאַפט, וועלכע איז איינגעטיילט אין טאָטעם 21) גרופּעס, אָדער וואו די קלאַסן איינטיילונג האָט שוין דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג, ווערן די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע דערהויבן צו אַ נאָך העכערער מדרגה — זיי ווערן געטער. אַזוי אַנטשטייט דער פּאָליטעאיזם, וואָס פירט אונטער באַ־שטימטע פאַרהעלטענישן (ווען עס קומט פאָר אַ פאַרשמעלצונג אָדער אַ פאַראייניקונג פון אַ סך שבטים אין איין פאָלק, ווי באַ אידן אָדער ווי באַ די אַראַבער אין דער צייט פון מחמד) צו מאָנאָטעאיזם.22)

די גאָט־אידייע, פּונקט ווי פריער די גייסט־אידייע, ווערט איבערגע־טראָגן אויף דער נאַטור און אויך דאָרט ווערט דער וואַסער־גייסט, דער

---

21) אַ טאָטעם איז אַ נאַטור־געגנשטאַנד, הויפּטזעכלעך אַ חיה, וואָס ווערט באַ־טראַכט פון אַ סך פּרימיטיווע שבטים אַלס זייער אור־פאָטער, אָדער אור־מוטער, פון וועמען זיי שטאַמען אָפּ. באַ אַנדערע, ווידער, איז דער טאָטעם אויך דער עמבלעם פון דעם שבט.

22) אַ סך איז אין די לעצטע יאָרן געשריבן געוואָרן וועגן „העכערע געטער" און וועגן מאָנאָטעאיזם באַ פּרימיטיווע פעלקער. דער ווינער אַנטראָפּאָלאָג, פּאַטער פּ. א. שמידט, האָט געווידמעט פינף גרויסע בענדער צו באַווייזן, אַז שוין באַ די גאָר פּרימיטיווע מענטשן געפינט מען אַ גלויבן אין אַ העכערן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט און רעגירט איבער איר. עס איז אמת, אַז מיר געפינען אין אַמעריקע, אויסטראַליע און אַפריקע אַ גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון העכערע געטער, אָדער הימל־געטער. דאָס איז אָבער ניט קיין מאָנאָטעאיזם. דער מאָנאָטע־איזם, וואָס איז געפּרידיקט געוואָרן פון די העברעיאישע נביאים און פון די

ערד־גייסט, דער הימל־גייסט דערהויבן צו דער מדרגה פון א וואסער־גאָט, ערד־גאָט, הימל־גאָט. די אויסבילדונג פון נאַטור־רעליגיע קומט פאַר אויפן באָדן פון פיצוכט און אגריקולטור. דער מאַגיקער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער שטופע פון זאַמלען און יאַגד, פאַרלירט איצט זיין ווירקונג. סוף־כל־סוף האָט זיך דאָך די מאַכט פון דעם מכשף באַזירט מער אויף היילן אמתע און איינגערעדטע קראַנקהייטן, ספּעציעל גייסטיקע קראַנקהייטן, ווי אויף דעם כוח צו מאַניפּולירן מיט די נאַטור־כוחות. אויף דער שטופע פון פיצוכט און אַגריקולטור איז דאָס לעבן פון דעם מענטשן אַזוי ענג פאַרבונדן מיט די נאַטור-עלעמענטן, אַז דער קאָנטראַסט פון זייער אומגעהויערער מאַכט אין פאַרגלייך מיט דעם מענטשנס נישטיקייט מוז אַרויסרופן באַם לעצטן אַ געפיל פון אבסאָלוטער הילפלאָזיקייט. דער מאַגיקער, ווי געשיקט, ווי דערפאַרן און געניט ער זאָל ניט זיין, קאָן פאָרט ניט אַרויסרופן קיין רעגן צו דערפרישן די פאַרשמאַכטע ערד; ער קאָן באַ זיין בעסטן ווילן ניט אָפּשטעלן דעם שטורעם אַז ער זאָל ניט פאַרניכטן די תבואה אויף די פעלדער; ער קען ניט האַלטן די טייכן אין צוים. דער מאַגיקער אָבער פאַרשווינדט ניט. ער בלייבט. נאָר זיין ווירקונג־קרייז ווערט באַגרעניצט. ער ווערט צוריק דאָס, וואָס ער איז אורשפּרינגלעך געווען: אַ רופא.

מאַכמעדאַנישע געלערטע (די צוויי אמתע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס) מיינט דער גלויבן אין אַן אייגציקן גאָט, וועלכער האָט ניט קיין קאָנקורענטן איבער אים אָדער אונטער אים. דער הימל גאָט, אָדער שטאַם־גאָט פון אַ סך פּרימיטיווע פעלקער איז דער העכסטער גאָט, אָבער ניט דער איינציקער גאָט. דאָס אָבער איז ניט דער עיקר. רעליגיע, אין דער פּרימיטיווער ווי אין דער מאָדערנער צייט, איז באַזירט אויפן פּרינציפּ פון טויש־האַנדל: איך גיב דיר, כדי דו זאָלסט מיר געבן. אַזוי באַציט זיך דער מענטש צו זיינע גייסטער און דערנאָך צו זיינע געטער. אַנדערש אָבער איז די באַציאונג פון דעם פּרימיטיוון מענטשן צו דעם אַזויגערופענעם העכסטן גאָט. אָט־וואָס עס זאָגט דער מיסיאָנער סמיט וועגן דעם העכסטן גאָט פון די אַפריקאַנער באַנטו שבטים: בעת באַ די באַנטו איז פאַראַן אַ גלויבן אין אַ העכערן וועזן (Supreme Being) מוזן מיר אָבער זאָגן, אַז ער איז ניט אַזוי שטאַרק און ווירקזאַם ווי דער גלויבן אין קמיעות און אין די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע עלטערן. דאָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אונטערשיידן צווישן גאָט און אַ היילקן (Divinity). די היילקע זיינען לאָקאַליזירט — זיי האָבן זייער זיץ אין טעמפּלען, אין גרינגע פּלעצער, אָדער באַרג שפּיצן; דאָס העכסטע וועזן האָט ניט זיין אייגן אָרט. די היילקע האָבן פּריסטער און מען ברענגט צו זיי קרבנות; דער העכסטער גאָט האָט ניט קיין כהנים און מען איז צו אים ניט מתפּלל... די היילקע זיינען זייער נאָענט צום מענטשן; דעם העכסטן גאָט האָט קיינער קיינמאָל ניט געזען. ער איז ווייט־ווייט, ערגעץ־וואו, ער איז ניט באַגרייפלעך.(Edwin W. Smith, The Religion of Lower Races זייטן 54—55). דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק בנוגע „העכערע געטער“ באַ די פּרימיטיווע פעלקער. דאָרט וואו עס הערשט ניט קיין ממשותדיקער קאָנטאַקט צווישן דעם מענטש און זיין גאָט איז דער גאָט קיין גאָט ניט.

דער פּאַרמיטלער צווישן דעם מענטשן און די נאַטור־עלעמענטן ווערט דער כהן. און מיט זיין דערשיינען אויף דער סצענע פּאַרלירט דער מענטש די לעצטע שפּורן פון אומאָפּהענגיקייט, פון ווילן־פרייהייט: ער ווערט אַ שקלאַף.

ווען מ׳האָט געפרעגט אַן עסקימאָ אין וואָס ער גלויבט, האָט ער געענטפערט: „מיר גלויבן ניט — מיר האָבן מורא". דאָס איז דער קווינט־עסענץ פון רעליגיע און דער זאַץ איז גילטיק ניט נאָר בנוגע דעם גלויבן פון די עסקימאָסן, נאָר אַלע אמונות, פּרימיטיווע און מאָדערנע. פאַר וועמען האָט דער רעליגיעזער מענטש מורא? ער איז אין שטענדיקן שרעק פאַר די אומפאַרזענלעכע, „מיסטישע" קרעפטן, וואָס קאָנטראָלירן די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע און נאַטור־כוחות פון וועלכע זיין עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק. פאַרוואָס האָט ער פאַר זיי מורא? ווייל ער פאַרשטייט זיי ניט, ווייל ער קאָן ניט דערקלערן די געזעצן וואָס הערשן אין דער נאַטור און אין דער געזעל־שאַפט. זיין מורא איז באַזירט אויף אומוויסן. אין משך פון זיין לאַנגער עקזיסטענץ האָט דער מענטש געזוכט אויף פאַרשיידענע אופנים צו קריגן דאָס וואָס ער האָט ניט געהאַט; צו דערגרייכן דאָס וואָס האָט אים געפעלט. ער האָט באַנוצט מאַגיע און ער האָט באַנוצט רעליגיע. ער האָט געפאָדערט און געבעטן, געקעמפט און זיך אונטערגעגעבן — אַלץ כדי צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ. די מאַגיש־רעליגיעזע עפּאָכע, די צייט ווען דער מענטש האָט געזוכט מיט דער הילף פון כח און כאַבאַר צו צווינגען די נאַטור אַז זי זאָל טאָן זיין באַגער, איז געווען אומפאַרמיידלעך, פּונקט אַזוי אומפאַר־מיידלעך ווי דאָס באַנוצן זיך מיט שטיין־געצייג פריער פאַר מעטאַל־געצייג, אָדער דאָס געברויכן חלבנע ליכטלעך פריער פאַר עלעקטריע, אָדער דעם אָקעראייזן פאַר דעם טראַקטאָר. אומוויסן איז כראָנאָלאָגיש פריער פאַר וויסן. איידער דער מענטש האָט פאַרשטאַנען די אמתע סיבות וואָס פאַראורזאַכן געשעענישן, האָט ער געמוזט דערפינדן פאַנטאַסטישע סיבות — גייסטער און געטער. מיט דעם אָנהויב פון דער מאָדערנער צייט, אַ דאַנק די וואונ־דערבאַרע אַנטדעקונגען און דערפינדונגען, האָבן איינער נאָך דעם אַנדערן אָנגעהויבן פאַלן די שווערע בלייערנע שלייערן, וואָס האָבן אין משך פון דורות פאַרשטעלט די „מיסטעריע" פון דער נאַטור. עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן דער „נשמה"־לאָזער מעכאַניזם וואָס רעגירט מיט אייזערנע געזעצן די נאַטור כוחות. דער מענטש האָט, טריט בא טריט, אויפגעהערט מורא צו האָבן. וואָס מער ער האָט זיך דערוואוסט, אַלץ ווייניקער האָט ער מורא געהאַט, וואָס ווייניקער ער האָט מורא געהאַט אַלץ אומאָפּהענגיקער איז ער געוואָרן, און וואָס מער אומאָפּהענגיק ער איז געוואָרן אַלץ שוואַכער איז געוואָרן די שליטה פון דער רעליגיע.

איז דער מענטש אַרויף אויפן וועג צו פולקאָמענער פרייהייט? ווען דער קאַמף אויסצוראָטן די שדים, רוחות, גייסטער און געטער, די פינצטערע

ירושה פון אַ פינצטערער פאַרגאַנגענהייט, געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג? די הויפּט סיבה וואָס האָט געפירט צו דעם גלויבן אין מאַנאַ און שפּעטער אין גייסטער און געטער איז געווען אַן עקאָנאָמישע: דער פאַרלאַנג פאַר שפּייז, פאַר מאַטעריעלער זיכערקייט. אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט זיין עקאָנאָמיש אומזיכער, אַזוי לאַנג ווי זיין עקזיסטענץ וועט זיין אָפּהענגיק פון כוחות, וועלכע ער קאָן ניט קאָנטראָלירן, אויף וועלכע ער האָט קיין שליטה ניט, אַזוי לאַנג וועט ער אַפּעלירן צו גייסטער און געטער נאָך הילף. עקאָנאָמישע זיכערקייט איז געווען אוממעגלעך אין דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט — זי איז אָבער יאָ מעגלעך אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. מיר ווייסן היינט מער ווי אונדזערע אור־עלטערן האָבן געוואוסט אין דער אַלטער און נייער שטיין-צייט. די וויסנשאַפט האָט היינט דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג, אַז די געזעלשאַפט איז בכוח מיט איר הילף צו באַפרידיקן אַלע אירע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפענישן. פונוואַנען נעמט זיך וואָס 80% פון דער געזעלשאַפט איז, טראָץ דער געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון טעכנאָלאָגיע, נאָך אַלץ עקאָנאָמיש אומזיכער און דערפאַר רעליגיעז געשטימט? עס נעמט זיך דערפון וואָס די וויסנשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט, די מיטלען וואָס זיינען נויטיק אויסצונוצן די וויסנשאַפט, איז דער מאָנאָפּאָל פון די איבעריקע 20%, פון דעם הערשער קלאַס, וואָס נוצט זי אויס פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן. ערשט ווען די וויסנשאַפט און די נויטיקע מיטלען זי אויסצונוצן וועט ווערן דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס וועט נויטיקערווייז פירן, ווי עס פירט שוין היינט אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו באַפרידיקן די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו מענטש — ערשט דעמאָלט וועט דער מענטש אויפהערן זיין רעליגיעז. עס איז ניט ריכטיק, וואָס פּראָפעסאָר פרייזער באַהויפּטעט, אַז דער מאַגיקער איז, אָדער גלויבט צו זיין, דער הערשער איבער דער נאַטור. סיי דער מכשף און סיי דער רעליגיעזער מענטש זיינען ביידע נעבעכדיקע שקלאַפן. די וויסנשאַפט און דאָס באַנוצן זי לטובת דער גאַנצער געזעלשאַפט מאַכט ערשט דעם מענטשן פריי, שטאַלץ, מוטיק, זעלבסטבאַוואוסט און צילבאַוואוסט.

ביבליאָגראַפיע:

E. B. Tylor, Anthropology, ch. xiv, 1899.
E. S. Hartland, Ritual and Belief, 1914.
R. R. Marett, On the Threshold of Religion, 1914.
H. Cunow, Ursprung der Religion und des Gottesglaubens, 1920.
N. Bukharin, Historical Materialism, pp. 169-180, 1925.
J. G. Frazer, Man, God and Immortality, 1927.
E. Bendann, Death Customs, 1930.
מ. אַלטשולער, אָן אַ גאָט, קאַפּיטל 6, 1932.

קאַפּיטל 5

ר אַ ס ע

א. וואָס איז ראַסע?

די אימפּעריאַליסטישע ראַסן־טעאָרעטיקער פון דעם נײַנצנטן יאָר־הונדערט און זייערע מאָדערנע נאָכלויפער ריידן וועגן ראַסע אין דעמזעלבן מיסטישן זשאַרגאָן, אין וועלכן די טעאָלאָגן פון מיטל־אַלטער האָבן גערעדט וועגן דער נשמה. ציוויליזאַציע, מאָראַל, אידעאַליזם, קונסט—מיט איין וואָרט, דאָס וואָס מיר רופן קולטור, איז, לויט דער אויסטייטשונג פון די אימפּעריאַליסטישע ראַסן־טעאָרעטיקער, אַ פּראָדוקט פון ראַסע. די אונטערשיידן אין די מענטשלעכע קולטורן (העכערע און נידעריקערע), נעמען זיך, לויט זייער אינטערפּרעטאַציע, ניט פון אונטערשיידן אין דער היסטאָריש־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, נאָר פון דער אַנדערשדיקייט אין דער ראַסן־קוואַליטעט וואָס אַ געגעבענע מענטשן־גרופּע באַזיצט. אויף דער פראַגע: „וואָס איז ראַסע, וואָס זיינען אירע אַטריבוטן?" — וועט איר אומזיסט זוכן אַן ענטפער אין די הונדערטער ביכער און טויזנטער אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן „העכערע" און „נידעריקערע" ראַסן. „ראַסע", שרייבט דער נאַצישער „געלערנטער" הויזער, „איז עפּעס אַזוינס וואָס נאָר דער ריין־ראַסיקער קאָן פילן און פאַרשטיין".[1]

דער מענטשלעכער מין, פּונקט ווי די חיהשע און פלאַנצן מינים, ווערט איינגעטיילט אין ראַסן. די סימנים פון ראַסע, דאָס הייסט, דאָס וואָס טיילט אָפּ איין גרופּע מענטשן פון דער צווייטער, זיינען: קאָליר פון הויט, אויגן און האָר, און פאָרם פון קאָפּ, נאָז, ליפּן און האָר. די סימנים זיינען אָבער ניט קאָנסטאַנט און ניט אומפאַרענדערלעך. דער קאָנטראַסט פון קאָליר און פאָרם איז זייער בולט ווען מען שטעלט אַוועק, למשל, אַ טיפּישן נעגער מיט זיין שוואַרצער הויט, גראָבע ליפּן, קורצע אויערן, ברייטער נאָז, פעך־שוואַרצע אויגן און וואָלנע האָר פון איין זייט און אַ טיפּישן נאָרדיק (איינוואוינער פון צפון־אייראָפּע), מיט זיין בלאַס־ווייסער הויט, דינע ליפּן,

1) Otto Hauser, Der Blonde Mensch, 1930. זייט 15.

לאנגע אויערן, שמאָלער נאָז, טיף־בלויע אויגן, און גאָלד־געלאָקטע אָדער פלאַקסענע האָר פון דער אַנדערער זייט. ווען מען שטעלט אָבער אוועק לעבן דעם נעגער אַ כינעזער מיט זיין געלבלעכער הויט, דינע ליפּן, מיטלמעסיקער נאָז, שוואַרצע מאַנדל־אויגן און שוואַרצע גלאַטע האָר, און לעבן אים אַן אַמעריקאַנעם אינדיאַנער מיט זיין בראָנדזענער הויט, ברייטן קאָפּ און שוואַרצע אויגן און האָר, נאָך אים אַ מיטללענדישן מענטשן מיט זיין טונקל־ווייסער הויט, שוואַרצע אָדער ברוינע אויגן און האָר, און ערשט דעמאָלט, אויפן סוף פון דער ליניע, דעם אויבנדערמאָנטן טיפּישן נאָרדיק, ווערט קלאָר, אַז קאָליר און פאָרם שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין אָפּגעזונדערטע, פעסט־באַשטימטע און קלאָר־אָפּגעגרענעצטע איינסן, נאָר אַז זיי גייען איבער בהדרגהדיק פון איין שטופע צו דער צווייטער, און אַז נאָר די צוויי עקסטרעמען (נעגער און נאָרדיק) שטעלן מיט זיך פאָר שאַרפע קאָנטראַסטן.

ווי אַזוי זיינען אַנטשטאַנען די פאַרשיידנהייטן אין קאָליר און פאָרם? דער מענטשלעכער מין, ווי דער טערמין „מין" זאָגט, שטאַמט אָפּ פון איין אור־טיפּ, פון דעם אַזוי־גערופענעם נעאַנדערטאַל־מענטש (זע קאַפּיטל 1). ער איז געווען אַ יעגער און האָט זיך אין משך פון זיין עקזיסטענץ פאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער וועלט און אין זיי, אונטער דעם איינפלוס פון געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען, האָבן זיך אין דער פאַר־היסטאָרישער צייט אַנטוויקלט די פאַרשיידנהייטן אין קאָליר פון הויט, אויגן און האָר, און אין דער פאָרם פון קאָפּ, נאָז, ליפּן, אויערן און האָר. אין אַפריקע, וואו די זון איז שטאַרק, האָט דער מענטש, אין זיין קאַמף פאַר צופּאַסונג, אַנטוויקלט אין זיך אַ שטאַרקע פיגמענטאַציע (פאַרב), וואָס פאַראורזאַכט די שוואַרצ־קייט פון הויט, אויגן און האָר און אַזוי אַרום פאַרהיט דעם קערפּער קעגן דעם אַריינדרינגען פון אולטראַ־וויאָלעטע און אינפראַ־רויטע זונשטראַלן; אין אַזיע, וואו עס הערשן שטאַרקע היצן אין זומער און שווערע קעלטן אין ווינטער און עס איז פאַראַן זייער ווייניק פייכטקייט, איז די פיגמענ־טאַציע אַ שוואַכערע, און די דאָרטיקע איינוואוינער האָבן אָנגענומען דעם קאָליר פון געלבלעכער הויט און שוואַרצע אויגן און האָר; און אין אייראָפּע, אַרום דעם מיטללענדישן ים, וואו דער קלימאַט איז אַ וואַרעמער און עס איז כמעט קיין ווינטער ניטאָ, האָט דער מענטש אַ טונקל־ווייסע הויט מיט שוואַרצע אָדער ברוינע אויגן און האָר; פאַרקערט, אין צפון־אייראָפּע, וואו די זון איז שוואַך און די טעמפּעראַטור איז אַ פייכטע האָט דער מענטש בלאַס־ווייסע הויט און העלע אויגן און האָר. פונקט ווי עס איז נויטיק אַ שטאַרקע פיגמענטאַציע אין די טראָפּישע געגנטן (צו פאַרהיטן דעם קערפּער פון צו־שטאַרקע זונשטראַלן), אַזוי איז נויטיק אַ שוואַכע פיגמענטאַציע אין די צפון־אייראָפּייאישע געגנטן (צוצוציען די זונשטראַלן). „די פונדאַמענ־טאַלע אונטערשיידן אין הויט־קאָליר צווישן די שוואַרץ־טראָפּישע און ווייס־

מיטלמעסיקע מענטשן טיפּן זיינען אַ פּראָדוקט פון קלימאַט. די קלימאַטישע השפּעה ווירקט דירעקט פון דרויסן און אומדירעקט דורך די רעלאַטיוו־פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן פון די לונגען און אינגעווייד. דער טראָפּישער קלימאַט פאַראורזאַכט, אַז די הויט און די אינגעווייד זאָלן טאָן די זעלבע אַרבעט, וואָס דער מיטלמעסיקער קלימאַט פאַראורזאַכט זאָל געטאָן ווערן פון די לונגען. די קאָנסעקווענטע שטאַרקערע אַקטיוויטעט פון די לונגען, אין דער אַנוועזנהייט פון רעלאַטיוו ווייניק זון־שיין און זון־היץ, רופט אַרויס דעם העלן קאָליר פון דער הויט, בשעת די שטאַרקע אַקטיוויטעט פון דער לעבער און אַנדערע אינגעווייד, אין דער אַנוועזנהייט פון רעלאַטיוו שטאַרקער זון־שיין און זון־היץ, רופט אַרויס דעם טונקעלן קאָליר.״ 2)

די געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען פאַראורזאַכן ניט נאָר דעם קאָליר פון הויט, אויגן און האָר, נאָר אויך די פאָרם פון נאָז, ליפּן, אויערן, קאָפּ און הויך פון קערפּער. „די נאָז־פאָרם ענדערט זיך אונטער פאַרשיידענע קלימאַטישע באַדינגונגען. די ברייטע נאָז מיט די גרויסע נאָז־לעכער איז פאַרבונדן מיט אַ הייסן, פייכטן קלימאַט; די שמאָלע נאָז — מיט אַ קאַלטן, טרוקענעם קלימאַט; און די צווישן־פאָרמיקע נאָז — מיט אַ הייסן, טרוקענעם, און מיט אַ קאַלטן, פייכטן קלימאַט. די אויסטראַליער האָבן אַ ברייטע נאָז און די אייראָפּייער — אַ שמאָלע, כאָטש ביידע שטאַמען זיי אָפּ פון דעם ברייטנאָזיקן נעאַנדערטאַל־מענטש... אין אַלגעמיין איז די הויך פון קערפּער העכער אין מיטלמעסיקע קלימאַטן און נידעריקער אין גאָר הייסע און אין גאָר קאַלטע קלימאַטן. די פּאַטאַגאַניער און סקאָטן זיינען ביידע הויך... די נעגרילאָס און נעגריטאָס אין די טראָפּישע וועלדער זיינען קאַרליקעס און די לאַפּן, עסקימאָס און סיביריאַקעס זיינען צום גרעסטן טייל קלענער ווי די איינוואוינער אין די שכנותדיקע לענדער, וועלכע לעבן אין מיטלמעסיקע קלימאַטן.״ 3) דער אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָג פראַנץ באָאַז האָט אונטערזוכט אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער פון אימי־גראַנטן עלטערן. ער האָט געמאָסטן און געוואויגן פיר גרופּעס: דרום־איטאַליענער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דעם מיטללענדישן טיפּ פון אייראָפּע וועמענס כאַראַקטער־שטריכן זיינען קליינער וואוקס, לענגלעכער קאָפּ און טונקעלע הויט און האָר; צענטראַל־אייראָפּייער, וועמענס כאַראַק־טער־שטריכן זיינען מיטעלער וואוקס, קליינער קאָפּ און העלע האָר און הויט; פון אייראָפּייער, וועמענס כאַראַקטער־שטריכן זיינען הויכער וואוקס, לאַנגער קאָפּ, און העלע הויט און בלאָנדע האָר; און קינדער פון מזרח־אייראָפּייאישע אידן, וועלכע באַלאַנגען, מער אָדער ווייניקער, צו דעם

2) Papers on Inter-Racial Problems . . . London, 1911. זייט 105.

3) R. B. Bean, The Races of Man, 1932. זייט 45.

מיטללענדישן טיפ. „די רעזולטאטן פון אונדזער אונטערזוכונג האבן געפירט צו אן אומדערוואַרטעטן אויספיר, אז די אמעריקאנער געבוירענע קינדער פון די אויבנדערמאָנטע טיפּן אונטערשיידן זיך פון זייערע עלטערן; און, אז די אונטערשיידן אַנטוויקלען זיך אין יונגן עלטער און האלטן אָן אין משך פון גאַנצן לעבן. נאָך מער, עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז יעדער טיפּ ענדערט זיך אויף אַ באַזונדערן אופן. דער קאָפּ פון דעם אַמעריקאַנער־געבוירענעם סיצילער איז רונדער ווי דער קאָפּ פון זיינע עלטערן... הויך און וואָג פון קערפּער זיינען קלענער; דער קאָפּ פון דעם אמעריקאַנעם געבוי־רענעם קינד פון צענטראַל־אייראָפּייער איז לענגער ווי דער קאָפּ פון זיינע עלטערן... הויך און וואָג פון קערפּער זיינען גרעסער; די ענדערונגען פון דעם אַמעריקאַנעם קינד פון סקאָטישע עלטערן זיינען אומבאַמערקבאַר, אָבער הויך און וואָג פון קערפּער זיינען גרעסער; דאָס אמעריקאַנער גע־בוירענע קינד פון אידישע עלטערן האָט אַ לענגערע און שמעלערע קאָפּ־פאָרם ווי זיינע עלטערן... הויך און וואָג פון קערפּער זיינען גרעסער.״ און פּראָפ. באָאז קומט צום אויספיר, אז „די סביבה האָט אַ דירעקטע ווירקונג אויף דער קערפּער־פאָרם פון מענטשן״ 4).

די אויבנדערמאָנטע ראַסן־סימנים (קאָליר פון הויט, אויגן און האָר, און פאָרם פון קאָפּ, נאָז, ליפּן, אויערן און הויך פון קערפּער), וועלכע, ווי מיר האָבן געזען, זיינען אַ פּראָדוקט פון געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַ־דינגונגען, וואָלטן געקאָנט דינען אַלס ריכטיקע ראַסן־סימנים, לויט וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַווייזן די ראַסן־אָנגעהעריקייט פון אַ געוויסער גרופּע מענטשן; אָבער עס וואָלט צוערשט געדאַרפט באַוויזן ווערן, אז די מענטשן פון דער געגעבענער גרופּע האָבן ניט נאָר געלעבט אין משך פון טויזנטער יאָרן אונטער די זעלבע געאָגראַפיש־קלימאַטישע באַדינגונגען, נאָר אז בא זיי זיינען אויך ניט פאָרגעקומען קיין געמישטע חתונות און קיין סעקסועלע אַסימילאַציעס מיט פרעמדע, וועלכע זיינען געקומען פון אַנדערע געגנטן 5). אָבער אַזאַ פאַל, דאָס הייסט, אז אַ גרופּע מענטשן זאָלן האָבן געלעבט טויזנטער יאָרן אין אַבסאָלוטער געאָגראַפיש־קלימאַטישער און סעקסועלער איזאָלירטקייט איז, מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר איזאָלירטע שבטים אין אַפריקע און אויסטראַליע, ניט באַקאַנט.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו געבן אַ לאַנגע אַנטראָפּאָלאָגישע אָפּהאַנד־

---

4) Franz Boas, The Mind of Primitive Man. זייט 53.

5) פּראָפּ. באָאז האָט באַוויזן, אַז דורך ענדערן די סביבה (אימיגראַציע) ענדערט זיך אויך די קאָפּ־פאָרם און אַז אָט־די ענדערונג איז קענטיק שוין אין דעם ערשטן דור. די אַנדערע ראַסן־סימנים אָבער בלייבן אומפאַרענדערלעך. טונקל־הויטיקע און שוואַרץ־האָריקע איטאַליענישע עלטערן וועלן געבוירן טונקל־הויטיקע און שוואַרץ־האָריקע קינדער אין סקאַנדינאַוויע, פּונקט ווי בלאַס־הויטיקע און

לונג איבער דער פּאַר־געשיכטלעכער און דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע מענטשן־גרופּעס, כדי צו באַווייזן, אַז קיין מענטשן גרופּע האָט נים געלעבט קיין לענגערע צייט אין פולשטענדיקער איזאָלירט־קייט. צוויי ביישפּילן, איינער פון דער דייטשער „ראַסע" און דער צווייטער פון דער אידישער „ראַסע", וועלן גענוגן, ווייל דאָס וואָס מען קאָן זאָגן וועגן די צוויי „ראַסן" קאָן מען אויך זאָגן וועגן אַלע אַנדערע „ראַסן".

היטלער פאָדערט. אַז די טיראָלער, עסטרייכער, און אַלע דייטש־ריידנדיקע איינוואוינער פון די ראַנד־שטאַטן זאָלן זיך אָנשליסן אָן דייטש־לאַנד. אויף וועלכן סמך? אויפן סמך, טענהן היטלער און זיינע „אַנטראָ־פּאָלאָגן", אַז זיי אַלע געהערן און זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער דייטשער „ראַסע". געהערן יזיי טאַקע צו דער דייטשער „ראַסע"? איז בכלל דאָ אַזא באַשעפעניש ווי אַ דייטשע „ראַסע"? איידער מיר גייען איבער צו אונטערזוכן אַנטראָפּאָלאָגיש די אַזוי־גערופענע דייטשע ראַסע, איז נויטיק צו באַמערקן, אַז שפּראַך האָט לחלוטין קיין שייכות נים מיט ראַסע. דער פאַקט וואָס דער אַמעריקאַנער אינדיאַנער רעדט ענגליש אין די פאַראייניקטע שטאַטן מאַכט אים נאָך נים פאַר קיין „יענקי", פונקט ווי דער אַראַביש־ריידנדיקער נעגער אין עגיפּטן איז צוליב דער אַראַבישער שפּראַך נאָך נים געוואָרן קיין אַראַבער. ראַסן־אָנגעהעריקייט האָט גאָר נים צו טאָן מיט שפּראַך, קולטור, געשיכטע, אָדער מלוכה: ראַסן־אָנגעהעריקייט מיינט ענלעכקייט אין קאָליר פון הויט, אויגן און האָר, און אין פאָרם פון קאָפּ, ליפּן, נאָז, אויערן און האָר (פּראָדוקטן פון געאָגראַפיש־קלימאַטישע באַדינגונגען און ירושה). זיינען די דייטש־ריידנדיקע טיראָלער, עסטרייכער, באַוואַריער, פּרייסן, און אַנדערע ענלעך איינער צום צווייטן אין קאָליר און פאָרם?

די דייטשע טעריטאָריע, ספּעציעל דער צפון־טייל, איז שוין באַוואוינט

העל־האָריקע סקאַנדינאַוויער וועלן געבוירן בלאַס־הויטיקע און העל־האָריקע קינ־דער אין איטאַליע. דאָס זעט אויס צו זיין אַ ווידערשפּרוך צו דעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט אויבן, אַז קאָליר און פאָרם זיינען אַ פּראָדוקט פון געאָגראַפישע קלימאַטישע באַדינגונגען. עס איז אָבער נים אַזוי. קאָליר און פאָרם (מיטן אויסנאַם פון קאָפּ־פאָרם) זיינען אַנטשטאַנען דורך אַ לאַנגן פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער סביבה. פונקט זוי די קינדער פון דעם אַמאָליקן נעאַנדערטאַל־מענטשן האָבן אָנגענומען שוואַרצע הויט אין אַפריקע, געלבלעכע אין אַזיע און ווייסע אין אייראָפּע, אַזוי וועלן די קינדער פון די היינטיקע אַפריקאַנער אָננעמען ווייסע הויט אין אייראָפּע און די קינדער פון די אייראָפּייער — שוואַרצע הויט אין אַפריקע. דאָס אָבער וועט ערשט אַנטשטיין דורך אַ לאַנג־דויערנדיקן פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער נייער פיזישער סביבה, וואָס וועט נעמען טויזנטער יאָרן. דער־ווייל אָבער (די ענדערונגען אין איינצלנע דורות דורך צופּאַסונג זיינען אומ־באַמערקבאַר) גייען קאָליר און פאָרם איבער בירושה פון עלטערן צו קינדער.

געווען אין גאר אלטע צייטן. לעבן דער שטאט היידלבערג זיינען געפונען געוואָרן פראגמענטן פון די עלטסטע מענטשן, וואס האבן דארט געלעבט מיט אן ערך 250,000 יאר צוריק (זע קאפיטל 1, דער אזוי־גערופענער היידלבערג־מענטש). אויך דער נעאנדערטאל־מענטש, פון וועלכן אלע מענטשן ראסן האבן זיך אנטוויקלט, איז געפונען געוואָרן אין דייטשלאנד (לעבן דער שטאט דיסלדארף; ער האט געלעבט מיט אן ערך 40־50 טויזנט יאר צוריק). דרום און מערב דייטשלאנד זיינען געווען באוואוינט דורך דער גאנצער פאלעאליטישער (אלטע שטיין־צייט) עפאכע. די אויס־גראבונגען באווייזן, אז שוין אין יענער צייט האבן אין דייטשלאנד געלעבט צוויי פארשיידענע טיפן: לאנג־קעפיקע און רונד־קעפיקע. אין דער נעאלי־טישער (נייע שטיין־צייט) עפאכע געפינען מיר, אז די גרעסטע צאל איינ־וואוינער האבן געהאט לאנגע קעפ, אבער צווישן זיי ווארפן זיך אויך דורך א צאל רונד־קעפיקע, ספעציעל אין דרום־דייטשלאנד. מיר זעען, אז שוין אויף דער שוועל פון דער היסטארישער צייט איז דייטשלאנד געווען בא־וואוינט פון א צאל ראסן, פון וועלכע צוויי טרעטן בולט ארויס: אין צפון — הויכע, לאנג־קעפיקע, בלאס־הויטיקע, העל־האריקע און בלוי־אויגיקע, און אין דרום — מיטל־וואוקסיקע, רונד־קעפיקע, טונקל־הויטיקע און שווארץ אדער ברונעט־אויגיקע און האריקע. די ערשטע גרופע געהערט צו דער אזוי־גערופענער נארדישער ראסע, צו וועלכער עס געהערן אויך א טייל איינוואוינער פון ענגלאנד און די גרעסטע צאל איינוואוינער פון די סקאנדי־נאווישע לענדער; די צווייטע גרופע געהערט צו דער אזוי־גערופענער מיטל־לענדישער ראסע, צו וועלכער עס געהערן אויך די איטאליענער, שפאניער, פראנצויזן, גריכן, אידן א. אז. וו. ווער עס איז געווען אין דייטשלאנד האט מסתם באמערקט (א שפאציר אין ניו יארקער יארקוויל וועט באווייזן דאס זעלבע), אז דער בייערישער און דער זאקסער דייטש (ארויסצונעמען בלויז צוויי טיפן) שטעלן מיט זיך פאר אין קאליר און פארם צוויי פארשיידענע ראסן. און ריכטיק האט באמערקט דער פראנצויזישער אנטראפאלאג פיטארד, אז „אנטראפאלאגיש שטייט דער דייטש פון פאמערן אין דער זעלבער פארהעלטעניש צו דעם דייטש פון בייערן ווי א פערד צו א זעברע". 6) די דייטשן זיינען ניט קיין ראסע. ראסע מיינט דער המשך פון דעמזעלבן טיפ. די דייטשן שטעלן מיט זיך פאר א סך טיפן. פונקט ווי עס איז ניטא קיין סעמיטישע ראסע, נאר א סעמיטישע ציוויליזאציע, ווי עס איז ניטא קיין ארישע ראסע, נאר ארישע שפראכן, ווי ס'איז ניטא קיין פראנצויזישע ראסע, נאר א פראנצויזישע נאציע, אזוי איז ניטא קיין דייטשע ראסע, נאר א דייטשע נאציע. 7)

6) E. Pittard, Race and History זייט 4.

7) אין דער לעצטער צייט זיינען געמאכט געוואָרן א סך אויסגראבונגען אין

די אידישע שאָוויניסטן (און — די אַנטיסעמיטן) האַלטן, אַז די אידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ הונדערט־פּראָצענטיקע ריין־ראַסישע גרופּע. די אידן, טענהן זיי, האָבן באַוויזן דאָס גרויסע וואונדער זיך צו האַלטן סעקסועל אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער סביבה אין משך פון זייער 2,000 יאָריקן גלות. אַ דאַנק דעם וואָס זיי זיינען כסדר געהאַסט און געטריבן געוואָרן און געצוואונגען געווען צו לעבן אין געטאָס, פליסט אין זייערע אָדערן ניט קיין איין טראָפּן פרעמד בלוט. ווען איר זאָלט, למשל, אַ פרעג טאָן אַ אידישן שאָוויניסט (אָדער אַן אַנטיסעמיט) ער זאָל אייך געבן אַ דעפיניציע פון דער אידישער „ראַסע", 8) ער זאָל אייך אָנווייזן און באַצייכענען אירע כאַראַקטער־שטריכן און באַזונדערהייטן, וועט ער אייך געבן די זעלבע דעפיניציע, וואָס דער נאַציִשער „אַנטראָפּאָלאָג" הויזער גיט וועגן דער דייטשער „ראַסע". 9)

לויט דער ביבלישער לעגענדע איז דער אור־פאָטער פון דעם אידישן פאָלק, אברהם, געקומען פון דער שטאָט אור אין דרום־באַבילאָניע. אור איז געווען איינע פון די עלטסטע שטעט אין באַבילאָניע און איז ביז אַרום 3,000 יאָר פאַר אונדזער צייט־רעכענונג געווען באַוואוינט כמעט אויסשליסלעך פון סומערער (זייער ראַסן־אָנגעהעריקייט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, עס איז נאָר באַוואוסט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ מאָנגאָלישן אויסזען), און נאָך יענער צייט איז די שטאָט געווען באַוואוינט מיט אַ טונקל־הויטיקער און שוואַרץ־האָריקער באַפעלקערונג, וואָס האָט גערעדט אַף אַ סעמיטישער שפּראַך (די סעמיטישע באַבילאָנער). די זינגרייכע באַבילאָנער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די באַזיגטע סומערער און עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז דער לעגענדאַרישער אור־פאָטער פון די אידן מיט זיין גרופּע פון בלוט־קרובים און פרעמדע שקלאַפן האָבן מיט זיך שוין באַם סאַמע אָנהויב ניט פאָרגעשטעלט קיין ריין־ראַסישע גרופּע. אין דער עפּאָכע ווען די אידן האָבן

דייטשלאַנד און אַ וועלט מיט מאַטעריאַל איז צונויפגעקליבן געוואָרן וועגן דעם אַנטראָפּאָלאָגישן באַשטאַנד פון דייטשלאַנד. דער מאַטעריאַל איז אָבער ניט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן. קייזער ווילהעלם דער צווייטער האָט פאַרבאָטן דעם מאַטעריאַל צו פאַרעפנטלעכן, ווייל די באַווייזן וואָס זיינען דאָרט אַנטהאַלטן וואָלטן געמאַכט אַ סוף צו דער איינרייזדעניש, אַז דייטשלאַנד ווערט באַוואוינט פון איין ראַסע! (זע דאָס אויבנדערמאָנטע בוך, זייט 155.) [די פירער פון דער „בלאָנדער דייטשער ראַסע", היטלער און דר. געבעלס, זיינען מיטל־וואוקסיקע און שוואַרץ־האָריקע. אַנטראָפּאָלאָגיש געהערן זיי צו דער מיטללענדישער גרופּע.]

8) אַ טייל „געלערנטע" רעכענען די אידן אַלס אַ טייל פון דער סעמיטישער „ראַסע". דאָס איז ניט ריכטיק. עס איז ניטאָ קיין סעמיטישע ראַסע, פונקט ווי עס איז ניטאָ קיין אַרישע ראַסע. די ווערטער „סעמיטיש" און „אַריש" זיינען פילאָלאָגישע טערמינען, וואָס נעמען אַרום געוויסע גרופּעס מענטשן וועלכע ריידן אַף סעמיטישע אָדער אַרישע שפּראַכן. און שפּראַך, ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָט גאָר קיין שייכות ניט מיט ראַסע.

9) זע באַמערקונג 1.

דעראָבערט פּאַלעסטינע איז די אָרטיקע באַפעלקערונג באַשטאַנען — מיר דערמאָנען בלויז די הויפּט־גרופּעס — פון די מערב־אַזיאַטישע חתים און אמורים, סעמיטיש ריידנדיקע כנענים און קרעטישע פּלישתים. פון די ביבלישע היסטאָרישע ביכער ווייסן מיר, אַז די אידן (אפילו אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז זיי האָבן מיט זיך לכתחילה פאָרגעשטעלט א ריין־ראַסיקע גרופּע), האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אָנ־הויבנדיק מיט שלמהן, הערן מיר ניט מער פון „פרעמדע" אין פּאַלעסטינע. אַז די אידן האָבן נאָך זייענדיק אין פּאַלעסטינע מיט זיך פאָרגעשטעלט א געמישט פאָלק זאָגט עדות דער נביא יחזקאל: „דיין טאַטע" — זאָגט ער צו די אידן פון זיין דור—„איז געווען אַן אמורי און דיין מאַמע אַ חתית". 10)
די כסדרדיקע מלחמות, דעפּאָרטאַציעס, און די עקאָנאָמישע אָרעמקייט פון לאַנד האָבן געצוואונגען מאַסן פון דער באַפעלקערונג, נאָך אין דער צייט ווען פּאַלעסטינע איז געווען פּאָליטיש זעלבסטשטענדיק, אויסצוואַנדערן אין די אַרומיקע לענדער, ספּעציעל קיין באַבילאָניע, סיריע און עגיפּטן. מיט דעם אונטערגאַנג פון זייער זעלבסטשטענדיקייט האָבן די אידן זיך באַזעצט כמעט אין אַלע טיילן פון דער דעמאָלטיקער באַקאַנטער וועלט און ביז צו דעם היינטיקן טאָג געפינען זיי זיך כמעט איבעראַל אין גרעסערע אָדער קלענערע ישובים.

דאָס אידישע פאָלק איז אַנטשטאַנען און זיין היסטאָרישע ראָלע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קליין־אַזיע, בא די ברעגן פון מיטללענדישן ים. געאָ־גראַפיש געהערן די אידן צו דער אַזוי־גערופענער מיטללענדישער ראַסע, וועמענס כאַראַקטער־שטריכן זיינען לענגלעכער קאָפּ, מיטלמעסיקער הויך, טונקל־ווייסע הויט און שוואַרץ־ברוינע אויגן און האָר. האָבן אַלע זעכצן מיליאָן אידן היינט־צו־טאָג לענגלעכע קעפּ, זיינען זיי אַלע פון מעסיקער הויך, און דער עיקר, האָבן זיי אַלע אַ טונקל־ווייסע הויט און שוואַרץ־ברוינע אויגן און האָר? אַ שפּאַציר-גאַנג איבער דער ניו־יאָרקער איסט־סייד וועט איבערציינגן יעדן איינעם, אַז עס איז ניט אַזוי.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער קאָפּ־פאָרם. פּראָפעסאָר באָאַז, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, האָט באַוויזן, אַז די קאָפּ־פאָרם ענדערט זיך שוין אין דעם ערשטן דור פון אימיגראַנטישע קינדער, און וואָס אָנבאַלאַנגט הויך, איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז דאָס האָט צו טאָן, אין אַ גרויסער מאָס, מיט נאַרונג און לופט. פאַרקערט, דער קאָליר פון הויט, אויגן און האָר איז ניט אונטערוואָרפן דער באַלדיקער ווירקונג פון דער פיזישער סביבה. די אַזיאַטישע און באַלקאַנישע אידן האָבן טונקל־ווייסע הויט און

---

10) יחזקאל 16:3.

שוואַרץ־ברוינע אויגן (בלויז אַן ערך 4־5 פּראָצענט פון זיי זיינען העלע). פּאַרקערט, אידן האָבן העלע האָר און אויגן אין:

	האָר	אויגן
ענגלאַנד — — — — —	25.5 פּראָצענט	41.2 פּראָצענט
גאַליציע — — — —	20.03 "	52.12 "
אוקראַינע — — — — —	17.03 "	53.68 "
רומעניע — — — —	14.67 "	51.33 "
ליטע — — — — — —	14.09 "	37.81 "
דרום־רוסלאַנד — —	13.00 "	33.0 "
באַדן, דייטשלאַנד —	12.80 "	51.20 "
פאַראייניקטע שטאַטן	11.29 "	44.35 "
אונגאַרן — — — — —	17.86 "	50.71 "
פּוילן — — — — — —	7.16 "	43.89 "
קאַווקאַז — — — — —	2.0 "	15.69 "
דאַגעסטאַן, קאַווקאַז —	0.05 "	4.38 " (11

מיר זעען, אַז 25 פּראָצענט פון די אידן אין ענגלאַנד זיינען בלאָנד און אין דייטשלאַנד זיינען 30 פּראָצענט פון די אידישע קינדער העל. דר. פישבערג האָט אונטערזוכט 4,235 אידן אין ניו־יאָרק און האָט געפונען צווישן זיי:

	מענער	פרויען
ברונעט — — — — —	52.62 פּראָצענט	56.94 פּראָצענט
בלאָנד — — — — —	10.42 "	10.27 "
געמישט 12) — — —	36.96 "	32.79 " (13־14)

11) M. Fishberg, The Jews; A Study of Race and Environment, 1911.

12) די טיפּישע העלקייט מיינט, האָבן העלע האָר, אויגן און הויט; די וועלכע האָבן בלויז איין טייל, ווי העלע האָר און טונקל־ווייסע הויט אָדער אויגן, און פאַרקערט, ווערן אָנגערופן געמישט.

13) דערזעלבער, זייטן 64—65.

14) דער כאַראַקטעריסטישער „אידישער" צייכן איז די געהויקערטע נאָז. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז צווישן 2,836 דערוואַקסענע אידן וועמענס נעז דר. פישבערג האָט געמאָסטן, האָבן

גלייכע נעז — — — — —	57.26	פּראָצענט
פאַרריסענע נעז — — — —	22.07	"
געהויקערטע נעז — — —	14.25	"
פלאַטשיקע נעז — — — —	6.42	"

צווישן פרויען איז דער פּראָצענט פון געהויקערטע נעז נאָך קלענער! פאַרקערט

ווי קאָן מען דערקלערן די פאַרשיידנהייט אין קאָליר צווישן די זעכצן מיליאָן אידן? וואָס זיינען די סיבות וואָס די אידן אין אזיע האָבן דעם זעלבן קאָליר פון הויט, אויגן און האָר ווי זייערע ניט־אידישע שכנים, בשעת די אידן, וועלכע וואוינען אין לענדער וואו א גרויסע צאָל פון דער באַפעלקערונג איז בלאָנד, ווייזן אויך אויף א גרויסער צאָל בלאָנדע? ווי קומט עס וואָס דייטשלאַנד פאַרמאָגט אַן ערך 30 פּראָצענט העלע אידן, אין דער צייט ווען אין איטאַליע, וואו די גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט טונקל־ווייסע הויט און שוואַרץ־ברוינע האָר און אויגן, זיינען בלויז דאָ 5 פּראָצענט העלע אידן? דער ענטפער קאָן זיין בלויז איינער: די אידן, ווי אַנדערע פעלקער, זיינען א געמישט פאָלק.

ב. ראַסע און קולטור

די אבסאָלוטע פאַלשקייט פון דער ריין־ראַסיקייט־טעאָריע שטעלט ניט אָפּ די שאָוויניסטן פון אַלע מינים צו ציען ווייטערדיקע שלוסן פון זייער ראַסן־טעאָריע און צו באַהויפּטן, אַז ראַסע און קולטור זיינען אידענטיש, אָדער בעסער געזאָגט, אַז קולטור איז א ראַסן־פּראָדוקט. די דריי הויפּט־ראַסן („שוואַרצע", „געלע" און „ווייסע") ווערן איינגעטיילט אין אינפעריאָרע, מיטלמעסיקע און סופּעריאָרע. פיזיאָלאָגישע פאַרשיידנהייטן, טענהן די ראַסן־טעאָרעטיקער, גייען צוזאַמען מיט גייסטיקע פאַרשיידנהייטן. דער פאַקט, וואָס דער נעגער האָט א שוואַרצע הויט, איז א באַווייז, אַז ער איז אומפעיאיק צו שאַפן קולטור; דער פאַקט, וואָס דער כינעזער און דער יאַפּאַנעזער האָבן געלבלעכע הויט, איז א באַווייז, אַז זיי האָבן באַגרענעצטע קולטור־פעיאיקייטן; דערפאַר אָבער איז דער ווייסער, דער אייראָפּייער, באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט אומבאַגרענעצטע גייסטיקע פעיאיקייטן. ער איז דער איבערמענטש.

די טעאָריע פון דער סופּעריאָריטעט פון די „ווייסע" זעצט פאָראויס צוויי הנחות: 1) אַז די „ווייסע" זיינען שטענדיק געווען ווייס, און 2) אַז קולטור איז אָפּהענגיק ניט פון היסטאָריש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, נאָר פון פיזיאָלאָגישע איינגנשאַפטן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן צוערשט אויף דער

געפינען מיר, אַז די געהויקערטע נאָז, וואָס איז אַ פּראָדוקט, ווי אַלע אַנדערע פאָרמען, פון געאָגראַפיש־קלימאַטישע באַדינגונגען, איז ווייט פאַרשפּרייט אין מערב־אַזיע אַרום דעם מיטללענדישן ים און — בא די אַמעריקאַנער אינדיאַנער. בשעת ניט מער ווי אַן ערך 14 פּראָצענט פון די אידן האָבן „אידישע" נעז, איז דער פּראָצענט פון געהויקערטע נעז אויף גוטע קאַטוילישע פּנימער אין בייערן (דייטשלאַנד) גאַנצע 31 פּראָצענט. (זע: K. Kautsky, Are the Jews a Race? זייט 92.)

די פאָלגנדע 16 **פאָרטרעטן שטעלן מיט זיך פאָר פערזאָנען פון פאַרשידענע נאַציאָ־נאַליטעטן און ראַסן**: אַמעריקאַנער, אויסטראַליער, עסטרייכער, בעלגיער, ענגלענדער, האָלענדער, דענער, פינער, פראַנצויזן, דייטשן, איטאַליענער, נאָרוועגיער, פּאָליאַקן, רוסן און שפּאַניער. אדרבא, טרעפט לויט דעם אויסזען פון די פאָרטרעטן צו וועלכער







נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע זיי געהערן. דעם שליסל וועט איר געפינען צום סוף פון קאַפּיטל.*)

*) אַרויסגענומען פון
We Europeans, by Julian S. Huxley and A.C. Haddon.




13

14

15

ערשטער הנחה. מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז דער מאָדערנער מענטש שטאַמט דירעקט אָפּ פון דעם נעאַנדערטאַל־טיפּ; אַז די פיזיאָלאָגישע פאַר־שידנהייטן, וואָס די מענטשלעכע געזעלשאַפט ווייזט היינט אויף, זיינען אַ פּראָדוקט פון געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען; אַז דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן דעם נעגער און סקאַנדינאַווער פאַרלירט אַ סך פון זיין שאַרפקייט ווען מיר שטעלן אַוועק צווישן זיי דעם געל־הויטיקן אַזיאַט, דעם ברוין־הויטיקן אינדיאַנער און דעם טונקל־ווייס־הויטיקן מיטללענדישן טיפּ. דאָס אַליין באַווייזט שוין, אַז די „קאָליר־ליניע" איז ניט קיין פעסט־באַ־שטימטע און שאַרף־אָפּגעגרענעצטע. אָבער מיר האָבן נאָך אַנדערע באַווייזן. מיר האָבן באַווייזן, אַז דער אַזוי־גערופענער ווייסער אייראָפּייער שטאַמט אָפּ ניט נאָר פון דעם זעלבן אור־טיפּ ווי די „שוואַרצע" און „געל־ברוינע", נאָר אַז אין זיינע אָדערן פליסט, און אין אַ היפּשער מאָס, „שוואַרץ" בלוט, וואָס איז אַריינגעשפּריצט געוואָרן אין די פאַר־היסטאָרישע און היסטאָ־רישע צייטן. דער דייטשער אַנטראָפּאָלאָג פּראָפ. פעליקס פאָן לושאַן זאָגט: „אויב עס איז אונדז דערלויבט צו ציען שלוסן... פון די סקעלעטן האָבן אונדזערע פּאַלעאָליטישע אור־עלטערן געהאַט אַ טונקעלע הויט, טונקעלע אויגן, און טונקעלע, מער אָדער ווייניקער, גלאַטע האָר."15) אויסגראָבונגען אין דער שווייץ באַווייזן, אַז אין דער נעאָליטישער צייט האָבן געלעבט אין אייראָפּע קאָרליקעס און אין אַנדערע פּלעצער אין אייראָפּע זיינען געפונען געוואָרן סקעלעטן פון נעגער.16) דאָס זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין נעגער־שקלאַפן, וועלכע זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן פון אַפריקע צו אַרבעטן אין נעאָליטישע פּלאַנטאַציעס. טיילן פון אייראָפּע האָבן אין יענער צייט געמוזט זיין באַוואוינט פון נעגערס, וועלכע האָבן זיך אין משך פון דורות אויסגעמישט מיט דער „ווייסער" באַפעלקערונג אַרום זיי. דער פראַנצויזישער אַנטראָפּאָלאָג פּיטאַרד זעט זיך דעריבער געצוואונגען צוצוגעבן, אַז „אין אונדזערע אָדערן פליסט אַ פּאָר טראָפּן אַפריקאַניש בלוט".17)

די צווייטע הנחה, אַז די ווייסע זיינען כּלומרשט אינטעלעקטועל העכער פון די ניט־ווייסע, איז געבויט אויף דעם באַוויז, אַז אייראָפּע שטייט קולטורעל העכער ווי אַזיע און אַפריקע. האָבן ניט די ווייסע דעראָבערט די עלעמענטן? האָבן זיי ניט געצוואונגען וואַסער, ערד און לופט צו דינען זייערע אינטערעסן? האָבן זיי ניט פאַרוואַנדלט די מענטשן פון שקלאַפן פון דער נאַטור אין הערשער איבער דער נאַטור?

אַז די אייראָפּייער שטייען אויף אַ העכערער קולטור־שטופע ווי די

---

15) Papers on Inter-Racial Problems, זייט 16.
16) Pittard, Race and History, זייטן 149—150.
17) דערזעלבער, זייט 411.

ניט־אייראָפּייער, לייקנט קיינער ניט. אָבער, שטייען די ווייסע אויף אַ העכערער קולטור־שטופּע דערפאַר, ווייל זיי זיינען ווייס? און שטייען די ניט־אייראָפּייער אויף אַ נידעריקערער קולטור־שטופּע דערפאַר, ווייל זיי זיינען קאָלירט? אויב העלע הויט איז אידענטיש מיט קולטור־פיאַיקייט און טונקעלע הויט מיט קולטור־אומפיאַיקייט, האָבן די אייראָפּייער פון דעם ערשטן טאָג פון זייער אויפטרעטן אויף דער וועלט־בינע געדאַרפט זיין סופּעריאָרער פון די ניט אייראָפּייער. די געשיכטע לערנט אונדז אָבער, אַז עס איז פּונקט קאַפּויר.

דאָס וויגעלע פון דער מענטשלעכער קולטור איז געשטאַנען מיט אַן ערך 6-7 טויזנט יאָר צוריק בײַ די טייכן פּרת און חידקל אין באַבילאָניע און באַם נילוס אין עגיפּטן. אין יענע לענדער איז דערפונדן געוואָרן די שריפט־סיסטעם, וואָס פון איר האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דער אַלפאַבעט. די סומערער, די עלטסטע איינוואוינער פון באַבילאָניע, האָבן געלייגט די באַזע פאַר מאַטעמאַטיק, אַרכיטעקטור, קונסט און ליטעראַטור. זייערע רעליגיעזע אַנשויאונגען זיינען דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס איז געבוים די אידיש־קריסטלעכע רעליגיע. און די סומערער, דאָס ערשטע ציוויליזירט פאָלק אין דער געשיכטע, זיינען ניט געווען קיין אייראָפּייער, האָבן ניט באַלאַנגט צו דער אַזוי־גערופענער ווייסער ראַסע! די גלאָררייכע און וואונדערבאַרע קולטור פון די אַלטע עגיפּטער, זייער וויסנשאַפטלעכע באַוואַסערונג־סיסטעם פאַר אַגריקולטור־צוועקן, זייער דערפינדערישקייט אין אַרכיטעקטור און ספּעציעל אין קונסט, זייערע דערגרייכונגען וואָס האָבן קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע — אָט די שאַפער פון דער עגיפּטישער קולטור, וואָס אייראָפּע באַוואונדערט די לעצטע 2,500 יאָר, זיינען געווען האַמיטן, האָבן ניט באַלאַנגט צו דער „ווייסער" ראַסע! די כינעזער האָבן שוין געהאַט אַ הויך־אַנטוויקלטע קולטור מיט 3,000 יאָר צוריק. די סומערער און עגיפּטער האָבן ניט נאָר געלייגט די באַזע פאַר דער מענטשלעכער (ספּעציעל פאַר דער אייראָפּייאישער) קולטור, נאָר זיי זיינען געווען די דירעקטע לערער פון די „ווייסע" אייראָפּייער, וועלכע האָבן איבערגענומען יענע קולטורן (צוערשט דורך די באַבילאָנער און שפּעטער דורך די גריכן און רוימער), און זיי ווייטער אַנטוויקלט ביז צו דער שטופּע אויף וועלכער די קולטור שטייט היינט. מיר חזרן איבער: אויב די ווייסע הויט איז אידענטיש מיט סופּעריאָריטעט, ווי קומט עס וואָס בשעת די סומערער און די עגיפּטער האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ ציוויליזאַציע פון טויזנטער יאָרן, זיינען די אייראָפּייער נאָך געווען באַרבאַרן, געלעבט אין בלוט־קרובישע האָרדעס, זיך פאַרנומען מיט יאַגד און פּי־צוכט, ניט האָבנדיק אַנטוויקלט די קלענסטע שפּורן פון ציוויליזאַציע? אויב ווייסע הויט מיינט אינטעלעקטועלע סופּעריאָריטעט און קאָלירטע — אינטעלעקטועלע אינפעריאָריטעט, האָבן די

אייראָפּייער דאָך שטענדיק געדאַרפט זיין סופּעריאָרער פון די ניט־אייראָ־פּייער. ווי קומט עס, וואָס די אייראָפּייער האָבן ערשט אָנגעהויבן קלערן אויפן „בוים פון וויטן" נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַקענט מיט די קולטור־דערגרייכונגען פון די „אינפעריאָרע" ניט אייראָפּייער און זיי איבערגע־נומען? באַווייזט דען דאָס ניט, אַז קולטור איז אַ פּראָדוקט פון אַ היסטאָריש־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און האָט לחלוטין גאָר ניט צו טאָן מיט דעם קאָליר פון הויט, אויגן, האָר, מיט דער פאָרם פון קאָפּ, ליפּן, אויערן, נאָז אָדער מוח? 18)

אַ קליינער פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער נעגערס שטייען אויף דער זעלבער הויכער קולטור־שטופע ווי זייערע ווייסע מיט־בירגער. פאַראַנען צווישן זיי מעכאַניקער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, שרייבער, קינסטלער און באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערן. די גרעסטע מערהייט נעגערס אָבער, ספּעציעל אין דרום, זיינען אַנאַלפאַבעטן. און בכלל האָבן די נעגערס ווייט ניט בייגעשטייערט צו דער אַמעריקאַנער קולטור, דאָס וואָס זיי וואָלטן פּראָ־פּאָרציאָנעל געדאַרפט האָבן בייגעשטייערט, לויט דער פּראָפּאָרציע וואָס זיי מאַכן אויס לגבי דער באַפעלקערונג. באַווייזט דאָס, אַז דער נעגער, אַלס אַזעלכער, איז אינפעריאָר צו דעם „ווייסן" אַמעריקאַנער? ניין, עס באַווייזט דאָס ניט, עס באַווייזט, אַז טראָץ דער עקאָנאָמישער שקלאַפעריי, פּאָלי־טישער רעכטלאָזיקייט, לינטשעריי און זאָאָלאָגישן ראַסן־האַס, האָט אַ קליינער פּראָצענט נעגערס דאָך באַוויזן צו שאַפן קולטור. האָט דער אַמעריקאַנער נעגער ניט געשאַפן קיין גרויסע קולטור־ווערטן ווייל ער איז אינפעריאָר, אָדער ווייל זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז די ערגסטע אין לאַנד, ווייל זיין סאָציאַלע לאַגע איז אַ לאַגע פון אַן אינדישן פּאַריאַ און ווייל ער

18) די ראַסן־טעאָרעטיקער באַנוגענען זיך ניט בלויז מיט אָנווייזן אויף די פאַרשיידנהייטן אין קאָליר און פאָרם, וואָס עקזיסטירן צווישן די מענטשלעכע גרופּעס. זיי האָבן נאָך אַנדערע „וויסנשאַפטלעכע באַווייזן". דער זיץ־פּלאַץ פון דער אינטעליגענץ איז אין קאָפּ און, טענהן די ראַסן־טעאָרעטיקער, עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד אין דער טיפקייט פון שאַרבן־הייל און וואָג פון מח צווישן די ווייסע און קאָלירטע; די ערשטע האָבן דעם טיפסטן שאַרבן־הייל און שווערסטן מוח. איז דאָס ניט דער קלאָרסטער באַווייז, אַז די אייראָפּייער זיינען סופּעריאָרער פון די ניט־אייראָפּייער? ניין, עס איז גאָר קיין באַווייז ניט. ווייל די מאָס פון שאַרבן־הייל און די וואָג פון מוח האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט אינטעליגענץ. אַט וואָס פּראָפ. באָאַז האָט וועגן דעם צו זאָגן: „... עס איז אַ פאַקט, אַז דער מוח געוויכט פון די ווייסע איז שווערער פון כמעט אַלע אַנדערע ראַסן, ספּעציעל פון די נעגערס. דער מוח־געוויכט פון אַ ווייסן מאַן איז אַן ערך 1,360 גראַמען. די רעזולטאַטן פון די אונטערזוכונגען בנוגע דער מאָס פון שאַרבל־הייל שטימען איין מיט די אויבנדערמאָנטע באַווייזן אין מוח־געוויכט. לויט טאָפּינאַרד, איז די מאָס פון שאַרבן פון אַ מאַן אין דער נעאָליטישער צייט אין אייראָפּע געווען אַן ערך 1,560 קובישע צענטימעטער; דער מאָדערנער אייראָפּייער האָט די זעלבע

ווערט פון דעם אַמעריקאַנעם הערשער־קלאַס סיסטעמאַטיש באַרויבט פון יעדער מעגלעכקייט צו אַסימילירן די הערשנדיקע קולטור און שאַפן נייע קולטור־ווערטן?

די שול־ביכער (געשריבן פון געדונגענע וואָל־סטריט הענט) ריידן פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, פון דער ווייסער קולטור. שטייען אַלע אַמעריקאַנער „ווייסע" אויף דער זעלבער קולטור־מדרגה? ווער עס האָט געזען קאַלדוועלס „טאַבעקאָ ראָוד", ווער עס איז אַפילו אויבערפלעכלעך באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די „אָרימע ווייסע" אין דער סאַוט, ווייסט, אַז די ווייסע, ספּעציעל די אָרימע ווייסע, שטייען ניט אויף קיין סך העכערער קולטור־שטופּע ווי די נעגערס. קולטור־פיִאיקייט איז אָפּהענגיק ניט פון קאָליר און פאָרם פון קערפּער, אָדער גאָר פון דער וואָג פון מוח, נאָר פון קולטור־מעגלעכקייטן, און קולטור מעגלעכקייטן זיינען אָפּהענגיק, היינט מער ווי ווען עס איז פריער, ניט פון ראַסן־אָנגעהעריקייט נאָר פון קלאַסן־אָנגעהעריקייט.

שוין דער אופן פון שטעלן די פראַגע, „ראַסע און קולטור" טראָגט אַן אימפּעריאַליסטיש־פאַשיסטישן כאַראַקטער. דאָס „אומשולדיקע" צונויפפאָרן ראַסע מיט קולטור, צוויי טערמינען וואָס האָבן צווישן זיך לחלוטין

מאָס; די מאָנגאָלישע ראַסע — 1,510 ק. צענטימעטער; אַפריקאַנער נעגערס — 1,405 ק. צענטימעטער; און נעגערס פון דעם פּאַציפישן ים — 1,460 ק. צענטימעטער. מיר האָבן דאָ דעריבער אַ גרויסן אונטערשייד, וואָס ווייזט אויפן פאָרצוג פון דער ווייסער ראַסע. כדי צו פאַרשטיין אָט די פאַקטן, מוזן מיר פרעגן: מיינט אַ פאַרגרעסערונג אין דער וואָג פון מוח אַ פאַרגרעסערונג אין פיִאיקייט?... ערשטנס, זיינען ניט אַלע מוחות פון באַגאַבטע מענטשן אויסערגעוויינלעך גרויס. פאַרקערט, אַ סך פון זיי האָבן געהאַט אויסערגעוויינלעך קליינע מוחות. נאָך מער, די גרעסטע צאָל מוחות, וואָס זיינען געוואויגן געוואָרן, זיינען גענומען געוואָרן פון אַנאַטאָמישע אינסטיטוציעס, און די יעניקע אינדיווידואומס וואָס ווערן געבראַכט אַהין זיינען שוואַך אַנטוויקלט פון אונטערדערנערונג און פון אַ לעבן אונטער זייער אומגינסטיקע באַדינגונגען, בשעת די באַגאַבטסטע מענטשן (וועמענס מוחות זייען געוואויגן געוואָרן) קומען פון אַ בעסער־דערנערטן קלאַס. פּונקט ווי אונטערדערנערטקייט רעדוצירט די וואָג און מאָס פון דעם גאַנצן קערפּער, פּונקט אַזוי רעדוצירט זי די מאָס און וואָג פון דעם מוח. עס איז דעריבער ניט זיכער צי די אויבנדערמאָנטע אונטערשיידן זיינען אין גאַנצן אָפּהענגיק פון דער העכערער פיִאיקייט פון די באַגאַבטע מענער... די סיבה פאַר דעם, וואָס עס פעלט אַ נאָענטער צוזאַמענהאַנג צווישן דער וואָג פון מוח און די גייסטיקע פיִאיקייטן איז ניט ווייט צו זוכן. דאָס פונקציאָנירן פון מוח איז אָפּהענגיק פון די נערוו־צעלן און נערוו־געוועבן וועלכע קאָנסטיטואירן אָבער ניט די גאַנצע מאַסע פון דעם מח. אַ מוח מיט אַ סך צעלן און קאָמפּלעקסע פאַרבינדונגען צווישן די צעלן קען האָבן ווייניקער פאַרבינדעטע צעל געוועבן ווי אַן אַנדערער מיט אַ מער פּשוטער נערוון־סטרוקטור. אין אַנדערע ווערטער, אויב עס איז דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן פאָרם

קיין שייכות ניט, איז ניט מער ווי אינטעלעקטועלער שאַנטאַזש. ערשטנס, זיינען קיין ריינע ראַסן ניט בנמצא, אַ פאַקט וואָס שליסט שוין לכתחילה אויס די מעגלעכקייט, אַז אַ געגעבענע קולטור זאָל זיין דער פּראָדוקט פון ראַסע. און צווייטנס, איז דער טערמין באַבילאָנישע קולטור, גריכישע קול־טור, ענגלישע קולטור, א. אז. וו. ניט קיין ראַסישער נאָר אַ געאָגראַפיש־פּילאָלאָגישער און צייטלעך באַשטימטער טערמין. ווען מיר געברויכן דעם טערמין „באַביליאָנישע קולטור" פאַרשטייען מיר אַ קולטור געשאַפן אין באַ־ביליאָניע און אין דער באַביליאָנישער שפּראַך אין אַ באַשטימטער עפּאָכע. די ראַסישע אָנגעהעריקייט פון די שאַפער פון אָט־דער קולטור (די איינוואוינער פון באַבילאָניע) קומט דאָ ניט אין באַטראַכט, ווייל יעדעם פאָלק אָדער נאַציע באַשטייט פון אַ געמיש פון ראַסן. נאַציע איז אַ טעריטאָריעל־פּאָליטישער טערמין, ראַסע איז אַ זאָאָלאָגישער טערמין. אין דעם שאַפן פון דער באַבילאָנישער קולטור האָבן אָנטיילגענומען סומערער, עלאַמיטן (דאָס ביבלישע עילם), באַבילאָנער, כעטיטער (די ביבלישע חתים), קאַסיטן, סיריער, פּערסיער און גריכן; די גריכישע קולטור איז אַ פּראָדוקט פון קרעטע, און קרעטע איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער באַבילאָניש־עגיפּטישער קולטור. קולטור איז דער סך־הכל פון מענטשלעכער אַרבעט און דערפאַרונג. וואָס גרעסער די ראַסן־מישונג אין אַ געגעבענער געזעלשאַפט (נאַציע), אַלץ העכער איז איר קולטור־ניוואָ. לושאַן האַלט אויך, אַז „מיר אַלע ווייסן, אַז אַ געוויסע מאָס פון בלוט־מישונג איז שטענדיק געווען אַ גרויסער געווינס פאַר אַ נאַציע. ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד צייכענען זיך באַזונ־דערס אויס מיט דער גרויסער מאָס פון פאַרשיידענע ראַסן־עלעמענטן וואָס זיי אַנטהאַלטן". 19)

און פיזיקיים, דאַרף זי געזוכט ווערן ניט אין דער וואָג נאָר אין דעם מאָרפאָ־לאָגישן כאַראַקטער פון דעם מוח. טראָץ די אומצאָליקע פאַרזוכן וואָס זיינען גע־מאַכט געוואָרן צו געפינען סטרוקטור־אונטערשיידן אין מוחות פון פאַרשיידענע ראַסן, וועלכע זאָלן קאָנען פאַרטייטשט ווערן אין פסיכאָלאָגישע טערמינען, זיינען קיין שום זיכערע רעזולטאַטן ניט דערגרייכט געוואָרן."

(F. Boas, The Mind of Primitive Man).

פאַרזוכן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן צו געפינען ראַסן־סימנים אין כעמישע (בלוט), פונקציאָנעלע (פולס, טעמפּעראַטור, ציין), און אויך אין פּאַטאָלאָגישע (איממוניטעט פון קראַנקהייטן און דעמאָגראַפיע) פאַרשיידנהייטן, וואָס די מענטש־לעכע געזעלשאַפט ווייזט אויף. פּראָפ. בין באַמערקט וועגן דעם: „די פיזישע, כעמישע, פונקציאָנעלע און פּאַטאָלאָגישע פאַרשיידנהייטן ווייזן אויף דערשטוינ־לעכער ענלעכקייט און אידענטיטעט אין אַלע ראַסן, וואָס איז אַ באַווייז, אַז אַלע מענטשן שטאַמען אָפּ פון איין אור־טיפּ." (Bean, Pace of Man, זייט 48).

19) Papers on Inter-Racial Problems, זייט 22.

ג. דער אימפּעריאַליסטישער כאַראַקטער פון דער ראַסן-טעאָריע

עס איז אַ טעות צו גלויבן, אַז דער הערשער־קלאַס האַלט אָן זיין ממשלה איבער די מאַסן אַרבעטער, פּויערים, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און קאָלאָניאַלע פעלקער בלויז מיט דער הילף פון זיין געפּאַנצערטער פויסט, אַז ער שטיצט זיך בלויז אויף רויער מאַכט. חוץ פּאָליציי, סאָלדאַטן, טורמעס און הענקערס באַנוצט דער הערשער־קלאַס נאָך אַ מיטל, אַ מיטל וואָס ברעכט ניט קיין קעפּ, פאַרמוטשעט ניט אין טורמעס און פאַרציט ניט קיין פּעטליעס אַרום דעם האַלדז, וואָס איז אָבער דערפאַר ווירקזאַמער און געפערלעכער ווי די ברוטאַלע מאַכט: דאָס איז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט אונדז צוגעטראָגן אין דער אומשולדיקער פאָרם פון „אָביעקטיווער וויסנשאַפט” אין די שולן, אוניווערזיטעטן, ביכער, קינאָס און צייטונגען. די פּראָפּאַגאַנדע עסט זיך אַריין אין אונדז ווי אַ קאַנסער, פאַרסמט אונדזער בלוט און צעטומלט אונדזערע מוחות צו אַזאַ מדרגה, אַז מיר ווערן שפּילצייג אין די הענט פון אונדזערע שונאים און פאַרגיסן אונדזער בלוט פאַר זייערע אינטערעסן.

דאָס וואַנדאַלע פאַרניכטן דורך פייער, שווערד און מגפות די אַלטע, פּרימיטיווע קולטורן אין אַמעריקע, פּאַציפישע אינדזלען, אויסטראַליע, אַפריקע און אַזיע; די אַכזריותדיקע אויסראָטונג פון הונדערטער טויזנטער „ווילדע” אין יענע ערטער, די פאַרשקלאַפונג פון הויך־ציוויליזירטע לענדער ווי כינע, אינדיע און עגיפּטן ווערן דורכגעפירט בלומרשט ניט פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון אַ קליין הייפעלע פּאַראַזיטן, ניט ווייל דער אייראָפּייאישער און אַמעריקאַנער הערשער־קלאַס ברויכט רוי־מאַטעריאַלן, אָפּזאַץ־געביטן און נייע לענדער צו אינוועסטירן זיין קאַפּיטאַל, נאָר — עס ווערט געטאָן אין נאָמען פון ציוויליזאַציע, אין נאָמען פון דער ווייסער קולטור! דער הערשער־קלאַס קאָן ניט און טאָר ניט אַרויסקומען אָפן און קלאָר און דערקלערן, אַז מלחמות ווערן געפירט פאַר די אינטערעסן פון אַ קליינער גרופּע באַנקירן, אינדוסטריאַליסטן און סוחרים. אַרויסקומען מיט דעם אמת וואָלט געמיינט עפענען די אויגן פון די אומבאַוואוסטזיניקע מאַסן, מיט דעם רעזולטאַט, אַז די לעצטע וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט צו קעמפן און פאַרגיסן זייער בלוט פאַר די אינטערעסן פון זייערע שונאים. געוועזן צייטן ווען דער הערשער-קלאַס האָט געפירט זיינע רויב־מלחמות אונטער דער מאַסקע פון רעליגיע, אין נאָמען פון דעם לייִדנדיקן און באַרעמהערציקן יעזוס. די פאַרניכטונג פון די פּערואישע, מעקסיקאַנער און צפון־אַמעריקאַנער אינדיאַנער קולטורן איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער ברכה פון דעם אַלטרואיסטישן קריסטנטום. היינט־צו־טאָג אָבער האָט רעליגיע אָנגע־

וואוירן איר השפעה אויף די מאסן. אונדזער צייט איז אַ צייט פון וויסנשאַפט. און די בלוט־פאַרגיסונגען, וועלכע זיינען פריער באַרעכטיקט געוואָרן אין נאָמען פון רעליגיע, ווערן היינט באַרעכטיקט אין נאָמען פון וויסנשאַפט. און מען מוז צוגעבן, אַז די פּראָפעסאָרישע און זשורנאַליסטישע פען־פּראָסטיטוטן פאַרדינען ערלעך זייער יודאס־געלט. זיי האָבן אויפגעבויט אַ שפּאָגל־נייע „אָביעקטיווע וויסנשאַפט", וואָס באַרעכטיקט די פאַרניכטונג פון אַלטע פרימיטיווע קולטורן און די פאַרשקלאַפונג פון דער „קאָלירטער" מענטשהייט, וואָס דערהויבט דעם בלוטיקן אימפּעריאַליזם צו אַ נאַטור־געזעץ! ווי אַזוי ווערט דער אימפּעריאַליזם „וויסנשאַפטלעך" באַגרינדעט? אָט ווי: די פיזיאָלאָגישע און אַנאַטאָמישע פאַרשיידנהייטן, וואָס די מענטש־לעכע געזעלשאַפט ווייזט אויף, שטעלן מיט זיך פאָר ניט נאָר אונטערשיידן אין קאָליר און פאָרם פון קערפּער, נאָר אויך גייסטיקע, אינטעלעקטועלע פאַרשיידנהייטן. די ווייס־הויטיקע האָבן אויפגעבויט די וואונדערבאַרע אייראָפּייאישע קולטור, די געלע האָבן זי האַלב אַסימילירט, האָבן אָבער גאָר ניט בייגעטראָגן צו איר קיין אייגנס, בשעת די שוואַרצע זיינען אַפילו אומפעיאיק זי צו אַסימילירן. די נעגערס שטעלן מיט זיך דעריבער פאָר אַן אינפעריאָרע ראַסע, די געלע אַ מיטלמעסיקע, די ווייסע אָבער זיינען אַ שעפערישע, אַ סופּעריאָרע ראַסע. און וואָס איז דער פּועל־יוצא, דער פּאַק־טישער אויספיר פון אָט דעם „וויסנשאַפטלעכן" אַנאַליז? דער פּועל־יוצא איז דער: היות ווי די קאָלירטע זיינען אינפעריאָרע ראַסן, וואָס זיינען ניט בכוח, פון דער נאַטור אויס, זיך אַליין צו רעגירן אָדער איינצוואָרדענען זייער אייגן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש לעבן, איז דעריבער דער חוב פון די „ווייסע", איז זייער מיסיע אין דער געשיכטע, צו באַזעצן די לענדער פון די „קאָלירטע" און רעגירן איבער זיי! די מענטשהייט ווערט אַזוי אַרום איינ־געטיילט אין צוויי הויפּט־גרופּעס: ווייסע און קאָלירטע. די לעצטע ווערט דערקלערט אַלס אַ ברוטאַלע, נידעריקע און אומפייאיקע ראַסע, אַ ראַסע, וואָס כאָטש זי האָט אַ מענטשלעכע פאָרם שטייט זי אָבער זייער נאָענט צו דער היהשער וועלט, בשעת די ערשטע ווערט דערקלערט אַלס די מענטשלעכע ראַסע, וואָס איז פון דער נאַטור באַשאָנקען געוואָרן מיט אינטעליגענץ, מיט דערפינדערישן געניום — אַ הערשער און מייסטער ראַסע. דער קאַמף פאַר אַ דעראָבערונג און פאַרשקלאַפונג פון דער קאָלירטער וועלט, אָנגעפירט פון דעם אייראָפּייאישן און אַמעריקאַנעם הערשער־קלאַס, איז אַזוי אַרום ניט קיין עקאָנאָמישער, נאָר — אַ ראַסן־קאַמף, אַ קאַמף פון דער ווייסער אויבער־ראַסע קעגן געלע און שוואַרצע באַרבאַרישע האָרדעס!

דער פאַראייניקטער ווייסער פראָנט, וואָס די אימפּעריאַליסטישע „וויסנ־שאַפט" האָט אויפגעשטעלט צו באַרעכטיקן די אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישע הערשאַפט איבער אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע, שטעלט אָבער ניט אָפּ

די אינערלעכע אנטאגאניזמען אין דער ווייסער וועלט גופא. דער קאמף פון דער ווייסער בורזשואזיע פאר רוי־מאטעריאלן, פאר אפזאץ־געביטן און פאר נייע לענדער צו אינוועסטירן זייערע קאפיטאלן ווערט ניט בלויז געפירט אויף דעם באדן פון דער קאלירטער וועלט, נאר אויך אין דער היים פון די ווייסע, אין איראפע און אמעריקע. דער זעלבער בלוטיקער קאמף, וואס שפילט זיך אפ אויפן ווייס־קאלירטן פראנט, שפילט זיך אויך אפ אויפן ווייסן פראנט. ווי אזוי אבער קאן מען וויסנשאפטלעך בארעכטיקן דעם אויסראטונגס־קאמף צווישן די ווייסע גופא? ווי אזוי קאן מען באגרינדן דאס ארײנדרינגען פונם אמעריקאנעם קאפיטאל אין צענטראל און דרום־אמעריקע, די העגעמאניע פון ענגלאנד אין דער איראפייאישער פאליטיק, און ספעציעל דעם דראנג פון דייטשלאנד זיך אויסצובנייטערן אויפן חשבון פון דעם סאוועטן־פארבאנד און פראנקרייך? די טעאריע, אז די סיבות פון מלחמות זיינען ניט קיין עקאנאמישע נאר ראסישע, שטויסט זיך דא אן אין א סתירה. באלאנגען דען ניט אלע ווייסע צו איין ראסע? דער ווידערשפרוך ווערט אויסגעגלייכט און די מלחמות צווישן די ווייסע ווערן בארעכטיקט מיט דער טעאריע פון נארדישער סופעריאריטעט.

וואס איז אזוינס די נארדישע טעאריע?

דאס איז די זעלבע טעאריע וואס בארעכטיקט אויפן סמך פון ראסע סופעריאריטעט די דעראבערונג און פארשקלאפונג פון דער קאלירטער וועלט, אבער צוגעשניטן אזוי, אז זי זאל זיך ארײנפאסן אין דער ספעציפישער לאגע פון איראפע. די טעאריע, אין קורצן, איז אזא: די ווייסע באפעלקערונג פון קליין־אזיע און איראפע ווערט לויט קאליר און פארם פון סערפער איינגעטיילט אין דריי אונטער־ראסן: 1) די מיטללענדישע, 20) 2) די אלפינישע, 21) און 3) די נארדישע. די לעצטע וואוינען אין צפון־איראפע (סקאנדינאוויע, טיילן פון ענגלאנד און צפון־דייטשלאנד) און זייערע כאראקטער־שטריכן זיינען: הויכער וואוקס, לאנגע קעפ, בלאס־ווייסע הויט, העלע אויגן און האר. זי, די נארדישע ראסע, איז עס די, וועלכע האט געשאפן די מענטשלעכע קולטור און זי איז דאס פאראנטווארטלעך פאר

20) די מיטללענדישע ראסע ווערט כאראקטעריזירט דורך טונקל־ווייסער הויט, שווארץ־ברוינע אויגן און האר, גלייכע און דיקלעכע נעז און מיטעלער וואוקס. טיילן פון קליין־אזיע, מערב־איראפע און ענגלאנד (ווילס, קארנוויל, און די אינדזלען ארום סקאטלאנד און אירלאנד) זיינען באוואוינט פון דער ראסע.

21) די אלפינישע ראסע ווערט כאראקטעריזירט דורך א הויט־קאליר צווישן טונקל און העל, די האר זיינען מיינסטנס ברוין, גלאט אדער געלאקט, די נאז איז פול און אפט ברייט, דער וואוקס — מיטלמעסיק מיט א טענדענץ צו פעטקייט. רוסלאנד, צענטראל איראפע און די באלקאן־לענדער זיינען באוואוינט פון דער ראסע.

דעם וואונדערבאַרן פּראָגרעס פון אייראָפּע. די מיטללענדישע און אַלפּינישע ראַסן האָבן בלויז נאָכגעמאַכט, אַסימילירט די קולטור פון די נאָרדיקס. די ערשטע שטעלן דעריבער מיט זיך פאָר אינפעריאָרע, מינדערווערטיקע ראַסן, בשעת די לעצטע איז די באַגאַבטסטע, די אינטעליגענטסטע און די שעפערישסטע ראַסע וואָס די וועלט פאַרמאָגט. פּונקט ווי די ווייסע זיינען סופּעריאָר אין אינטעליגענץ פון די קאָלירטע, אַזוי זיינען די נאָרדיקס סו־פּעריאָר אין אינטעלעקטועלע פייאיקייטן פון אַלע ווייסע. זיי זיינען דאָס אויבערשטע פון שטייסל, דאָס זאַלץ פון דער ערד — זיי זיינען די מייסטער פון דער וועלט, צו זיי געהערט די וועלט! דער פּאַקטישער אויספיר פון דער טעאָריע איז: דער פייאיקסטער איז במילא דער שטאַרקסטער, און ווען דער שטאַרקסטער געפינט, אַז ער האָט ניט גענוג פּלאַץ, גענוג מעגלעכקייטן זיך אויסצובריייטערן און אַנטוויקלען זיין זשעניע, האָט ער דאָס רעכט, ווערט עס זיין מיסיע, זיך אויסצובריייטערן אויפן חשבון פון די וויניקער פייאיקע, פון די אינפעריאָרע ראַסן. אַ מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אָדער קעגן פראַנקרייך איז דעריבער ניט אַ מלחמה פאַר די אינטערעסן פון דעם ענגלישן און דייטשן הערשער־קלאַס, נאָר דאָס איז אַ ראַסן־מלחמה, אַ ראַסן־קאַמף פון אַ סופּעריאָרער ראַסע קעגן דער געפאַר פון אַן אינפעריאָרער ראַסע; עס איז אַ קאַמף פון ציוויליזאַציע קעגן באַרבאַריזם!

אויב די טעאָריע פון דער סופּעריאָריטעט פון דער אַזוי־גערופענער ווייסער ראַסע איבער דער קאָלירטער ראַסע איז געבויט אויף פאַלסיפיקאַ־ציעס, ליגנס און שאַנטאַזש, איז די טעאָריע פון נאָרדישער סופּעריאָריטעט די געמיינסטע, די נידערטרעכטיקסטע פּראָסטיטוציע פון היסטאָרישע פאַקטן, צו וועלכער עס קאָן זיך דערטראַכטן נאָר אַ פיזיש־פאַרפוילטער און גייסטיק־באַנקראָטירטער קלאַס, ווי די בורזשואַזיע איז. ווער זיינען געווען די באַבי־לאָנער, די פעניציער, די אידן? ווער זיינען געווען די גריכן, די רוימער, די אַראַבער פון מיטלאַלטער? ווער זיינען געווען די איטאַליענער פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע און ווער זיינען די רוסן, וועלכע בויען סאָציאַליזם, אויב ניט די אַזוי־גערופענע מיטללענדישע און אַלפּינישע ראַסן? באַטראַכטנדיק די אַנטוויקלונג פון דער אַל־מענטשלעכער קולטור פון אַ ברייט היסטאָרישער פּערספּעקטיוו שטעלט זיך די פראַגע: ווער אויב ניט די אויבנדערמאָנטע, האָבן געשאַפן די מענטשלעכע קולטור, צו וועלכער די נאָרדיקס, אויפ־טרעטנדיק אין אַ שפּעטערער עפּאָכע פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, האָבן בלויז צוגעטראָגן אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם טייל?

ד. דער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער ראַסן־פראַגע

די ראַסן־טעאָריע, גראָבנדיק אַ תהום צווישן די „קאָלירטע“ און די „ווייסע“, איינטיילנדיק די לעצטע ווידער אין טונקל־ווייסע און נאָרדיקס,

וועלכע זי דערקלערט אַלס די הערן־ראַסע, דינט ניט נאָר די אימפעריאַליסטישע אַספּיראַציעס פון דער אייראָפּייאישער און אַמעריקאַנער בורזשואַזיע, נאָר באַרעכטיקט אויך דעם שאַרפסטן, בלוטיקסטן און ברוטאַלסטן קלאַסן־קאַמף קעגן די אַרבעטער און פויערים. די טעאָריע פון סופּעריאָרע און אינפעריאָרע ראַסן איז דער פאָרלויפער, דער גייסטיקער טאַטע פון פאַשיזם.

די קאַפּיטאַליסטישע „געלערנטע" מאַניפּולירן מיט פאַקטן, ווי זייערע בעלי בתים מיט סטאַקס אויף דער בירזשע. סתירות, ווידערשפּרוכן שטערן זיי ניט צו ציען „לאָגישע" שלוסן, וועלכע זיינען דער היפך פון זייערע הנחות. די אימפּעריאַליסטישע אויסברייטערונג אויפן חשבון פון די אייראָפּייאישע ראַסן־ברידער ווערט באַגרינדעט דורך דער טעאָריע, אַז די „ווייסע" אַליין שטעלן מיט זיך פאָר אינפעריאָרע און סופּעריאָרע ראַסן. ווי אַזוי אָבער קאָן מען באַרעכטיקן די פאַרשקלאַפונג פון דעם גרעסטן טייל פון דער אייגענער "סופּעריאָרער" ראַסע, די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער און פון די אָרעמע פּויערים אויפן נאַציאָנאַלן פראָנט? אויב עס איז ריכטיק, וואָס דער דייטשער „אַנטראָפּאָלאָג" אַמון באַהויפּטעט, אַז די דייטשן זיינען געבוירן צו הערשן איבער אַנדערע פעלקער, אַז זיי זיינען האַלב־געטער, וועמענס גלייכן די וועלט האָט געזען נאָר איין מאָל אין דער געשיכטע — אין די גריכן — טאָ ווי דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס נאָר די קרופּס, די טיסענס און דאָס קליינע הייפעלע דייטשע אַריסטאָקראַטן זיינען באמת די הערשער, בשעת דער גרעסטער טייל דייטשן אַרבעטן אין קוילנגריבער, גיסן שטאָל אין אייזן־פאַבריקן, ברעכן דעם רוקן אויף די פעלדער, זיצן געבויגן איבער שרייב־מאַשינען און וואוינען אין דומפּע אומהיגיענישע הייזער — באַשעפּטיקונגען און וואוינונגען, וואָס פּאַסן זיך גאָר ניט פאַר האַלב־געטער?

די דערפינדערישקייט פון די ראַסן־טעאָרעטיקער איז צו באַוואונדערן. זיי געפינען אויך אויף דער סתירה אַן ענטפער. דער דייטשער פּראָפעסאָר בארנהאַק, צום ביישפּיל, אינטערפּרעטירט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע ניט אַלס קלאַסן־קאַמף, ניט אַלס אַ קאַמף קעגן דעם פעאָדאַליזם, נאָר אַלס — ראַסן־קאַמף פון די קעלטן קעגן דער בלאָנדער הערן־ראַסע פון די גערמאַנען. 22) דער קלאַסן־קאַמף צווישן דער יונגער פראַנצויזישער בורזשואַזיע און דעם פראַנצויזישן פעאָדאַלן שטאַנד ווערט דורך דעם האָקוס־פּאָקוס פון דער ראַסן־טעאָריע פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף צווישן דער אינפעריאָרער קעלטישער ראַסע און דער סופּעריאָרער גערמאַנישער ראַסע! און דער פריער דערמאָנטער אַמון געפינט, אַז דער אַנטאַגאָניזם צווישן דער דייטשער בורזשואַזיע און דייטשן פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין קלאַסן אַנטאַגאָניזם, נאָר — אַ ראַסן־אַנטאַגאָניזם. אַמון לייקנט ניט אין דער עקזיסטענץ

22) ציטירט ביי קאַוטסקי: Are the Jews a Race?, זייט 14.

פון קלאַסן־קאַמף, פאַרקערט — ער באַרעכטיקט אים, אָבער עס לוינט אים און זיין קלאַס דעם קאַמף פאַרצושטעלן אַלס ראַסן־קאַמף. דייטשלאַנד, זאָגט ער, איז באַוואוינט פון אַ בלאָנדער, לאַנג־קעפּיקער, גערמאַנישער ראַסע און אַ טונקעלער, רונד־קעפּיקער „מאָנגאָלישער" ראַסע. צו דער לעצטער געהערן די דייטשע אַרבעטער און פּויערים.23) די בורזשואַזיע הערשט ניט דערפאַר ווייל זי האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט די פּראָדוקציע מיטלען, נאָר ווייל זי איז אַ סופּעריאָרע ראַסע! צו דעם זעלבן „וויסנשאַפטלעכן" אויספיר קומט אויך מעדיסאָן גרענט, דער פאָרזיצער פון דער ניו־יאָרקער זאָאָלאָגישער געזעלשאַפט, ווען ער דערקלערט, אַז „באָלשעוויזם אין רוס־לאַנט מיינט די עלימינאַציע פון דער נאָרדישער אַריסטאָקראַטיע און די הערשאַפט פון די האַלב־אַזיאַטישע סלאַווישע פּויערים.24) די נאַציאָנאַלע קלאַסן־געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט זיך בּאַ די „ערלעכע" געלערנטע באַרנהאַק, אַמון און גרענט אין אַ ראַסן־געזעלשאַפט, דער קלאַסן־קאַמף אין אַ ראַסן־קאַמף, און אַזוי ווי די ראַסן זיינען אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור, איז במילא די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אַ נאַטור־געזעץ!

דער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט אַ שטופע, אין וועלכער ער קאָן אָנהאַלטן זיין ממשלה נאָר דורך קריג, דורך בלוט־פאַרגיסונג. דער עקאָנאָ־מישער פּרצוף פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם איז פינאַנץ־קאַפּיטאַל, זיין פּאָליטישער פּרצוף איז פאַשיזם, און פאַשיזם מיינט מלחמה. מלחמה מוז דעריבער פאַרהערלעכט ווערן. ווי קומט עס, פרעגט דער ענגלישער אַנטראָ־פּאָלאָג קיט, וואָס די וועלט איז היינט אַזוי אומרואיק, וואָס יעדעם פאָלק איז באַוואָפנט ביז די ציין און איז גרייט אָנצופאַלן יעדע מינוט אויף זיין שכן? און ער ענטפערט: „די אומרואיקייט איז ניט קיין קראַנקהייט פון קאָפּ, נאָר פון הארץ".25) ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן־האַס מאַכט די מענטשהייט אומרואיק, און עס איז גוט אַזוי, אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. „נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ, אייפערזוכט און ראַסן־האַס... האָט די נאַטור איינגעפלאַנצט אין דער מענטשהייט פאַר איר אייגן וואוילזיין." דאָס איז אַ נאַטור געזעץ.26) אָן קאָנקורענץ קאָן די מענטשהייט ניט פּראָגרעסירן; דער פּרייז פון פּראָגרעס איז קאָנקורענץ, ניין, ראַסן־האַס... די נאַטור האַלט ריין איר

23) דערזעלבער, זייטן 15—16.

24) L. Stoddard, The Rising Tide of Color. זייט XXVIII.

25) Sir Arthur Keith, The Place of Prejudice in Modern Civilization, 1931 זייט 49.

26) Oswald Spengler, Man and Technics, 1932. זייטלעך 19 און 28: „דער מענטש איז אַ רויב־חיה, אידעאַלן זיינען פּחדנות" און „דער אופן פון זיין (דעם מענטשנס) לעבן איז דער זעלבער ווי פון אַ רויב־חיה: מוטיק, ביטרע און אכזריותדיק".

מענטשלעכן גאַרטן מיט דער הילף פון אַ גאַרטן־שער, מלחמה איז איר גאַרטן־שער״.27) פּאַטריאָטיזם, זאָגט אָט־דער פּאַרטרעטער פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, איז פון דער נאַטור איינגעפּלאַנצט געוואָרן אין אונדזערע הערצער. „ער (דער פּאַטריאָטיזם) איז אַ ברכה און מיר מוזן אים קולטיווירן.״ 28)

איז ראַסן־האַס טאַקע אַ נאַטור־געזעץ? ווי־זשע קומט עס, וואָס אין דער וועלט־מלחמה האָבן די ענגלענדער געקעמפט קעגן זייערע ראַסן־ברידער די דייטשן? ניין, ניט נאָר געקעמפט, נאָר גערופן די „אינפּעריאָרע״ פראַנצויזן, איטאַליענער, רוסן, יאָ, אימפּאָרטירט אַפילו נעגער זיי צו העלפן אין קאַמף? איז פּאַטריאָטיזם אַ נאַטור־געזעץ? ווי־זשע קומט עס, וואָס די רוסישע בורזשואַזיע האָט איינגעלאַדן און אַקטיוו געהאָלפן די דייטשן, זייערע נעכטיקע שונאים, צו אָקופּירן רוסלאַנד און עס צו פאַר־וואַנדלען אין אַ קאָלאָניע? פיר לאַנגע און בלוטיקע יאָרן האָט פראַנקרייך געקעמפט קעגן דייטשלאַנד. „מאַריאַנע״ האָט היסטעריש געוויינט און געבעטן די „ציוויליזירטע״ וועלט זאָל זיך אויף איר מרחם זיין און העלפן איר באַקעמפן די דייטשע קאַניבאַלן. היטלער פּראָקלאַמירט אָפן, אַז זיין ציל איז זיך נוקם צו זיין אין פראַנקרייך און אקופּירן דאָס לאַנד. וועַר, אויב פּאַטריאָטיזם איז אַ נאַטור־געזעץ, דאַרף זיין דער ערשטער צו באַ־קעמפן דעם דייטשן פאַשיזם אויב ניט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע און איר יונקערטום? אָבער מאַרשאַל לאַטעי דענקט אַנדערש: „איך פיל מער האָס קעגן מאַנכע פראַנצויזן — די רעוואָלוציאָנערן — ווי קעגן די דייטשן פון מיין קלאַס!!״ 29) און דער אַקאַדעמיקער לואיס בערטראַנד זאָגט: „איך פיל מיך נאָענטער צו היטלערן און צו זיינע מענטשן, אַ סך נעענטער, ווי צו די (פראַנצויזישע) קאָמוניסטן, וועלכע דערנידעריקן דעם נאָמען פראַנצויז!״ 30)

אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד וואוינען צענדליקער נאַציאָנאַליטעטן; אַלע ראַסן זיינען דאָרט פאַרטראָטן. עס בויען און שאַפן סאָציאַליזם „ווייסע״, „געלע״ און „שוואַרצע״; עס לעבן אין שלום כינעזער, סלאַוון, דייטשן, אידן א. אז. וו. אויב ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן־האַס איז אַ נאַטור־געזעץ, פאַר־וואָס איז ניטאָ קיין ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן־האַס אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? אויב דער פּרייז פון פּראָגרעס און קולטור איז אייביקע מלחמה, כסדרדיקע בלוט־פאַרגיסונג, פאַרוואָס גייט דאָס קאַפּי־

27) Keith, זייט 49.

28) דערזעלבער, זייט 28.

29) International Press Correspondence, April 27, 1935, vol. 15, no. 14. זייט 473.

30) דאָרט.

טאַליסטישע אייראָפּע און אַמעריקע פיזיש און גייסטיק באַרג אַראָפּ און פוילט לעבעדיקערהייט, בשעת דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן דאָס ציווי־ליזירטסטע און קולטורעלסטע לאַנד אין דער וועלט?

ניין, ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן־האַס איז ניט קיין נאַטור־געזעץ, נאָר אַ קאַפּיטאַליסטיש געזעץ. אָט־דער האַס ווערט קינסטלעך איינגעפּלאַנצט אין די הערצער פון די מאַסן כדי צו באַרעכטיקן דעם אימפּעריאַליזם, כדי אָפּ־צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון זייערע אמתע שונאים, פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע. דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, דאָרט איז אויך ניטאָ קיין ראַסן און נאַציאָנאַ־ליטעטן־האַס: דער לעצטער קאָן ניט עקזיסטירן אָן דעם ערשטן, זיי זיינען בלוט־ברידער.

שליסל צו די פּאָרטרעטן אויף זייטן 79 ביז 82

1. אויסטראַליער
2. דענער
3. ענגלענדער
4. דייטש
5. דייטש
6. נאָרוועגער
7. האָלענדער
8. פראַנצויז
9. פינער
10. בעלגער
11. פּאָליאַק
12. אַמעריקאַנער
13. שפּאַניער
14. רוס
15. איטאַליענער
16. עסטרייכער

ביבליאָגראַפיע:

M. Fishberg, The Jews; A Study of Race and Environment, 1911.
F. Boas, The Mind of Primitive Man, 1924.
K. Kautsky, Are the Jews a Race?, 1926.
E. Pittard, Race and History, 1926.
F. Hertz, Race and Civilization, 1928.
R. B. Bean, The Races of Man, 1932.
P. Radin, The Racial Myth, 1934.
J. S. Huxley and A. C. Haddon, We Europeans, 1936.